STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01654

YUNGHARBST

A. Glanz-Leyeless

*Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Wendy Adler
in memory of
Charles Schusterman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. לעיעלעס

יונגהארבסט

לידער

פארלאג / קולטור-ליגע / ווארשע

גערדוקט אין 1300 עקזעמפּלאַרן
זעצעריי פֿאַרביאַזש און גרינבערג
דרוקעריי י. הענדלער דלוגע 26
1 9 2 2
JUNGHARBST (Pieśni)
A. Leieles—Wydawnictwo·
„Kultur-Lige“, Warszawa
Druk.I. Hendlera, Długa 26.

אינהאַלט

שלעסער	7
העל	9
ביזנעס	11
נאָקטורן	14
ביי דעם גאַנגעס	17
אַ הויפּען שניי	18
ווייסקייט	19
ווערים	20
קינדער	22
די צייט	23
מאָנאָטאָן	25
אויגן	26
קעץ	27
טראַנס	30
לאַנגווייל	31
איינער	32
ווינקלען	34
בלעטערפאַל	35
ווייסער שוואַן	36
וועט־לויף	37

דו האָסט מיר דערעסן — — — —	38
טאַאָס — — — — —	41
גאָטס האַרץ — — — — —	45
יואָלאַ — — — — —	51
סעלימא — — — — —	52
וויאָלאַ — — — — —	54
יאָלאַנדאַ — — — — —	57
עלאַדעאַ — — — — —	60
קאַראַהילד — — — — —	63
צו דער וואָס איך טאָר ניט ליבן — — —	67
יונגהאַרבסט — — — — —	73
געאָרגיניעס — — — — —	74
וועספער — — — — —	76
בעאַטריטשע — — — — —	78
דאָס געזאַנג פון די פישערס — — —	80
איך בין דער האַר — — — —	83
דאָס ליד פון געלן וואַנזין — — —	87
„גאולה" — — — — —	90
ווייס און גאָלד — — — — —	93
די מעשה פון די הונדערט — — —	111
אונטערגאַנג — — — — —	137

שלעסער

שלעסער —
שלעסער פון אייזן געבויט און גראניט,
שלעסער פון מאַרמאָר און פון מאַלאַכיט,
שלעסער פון בראָנז און געגאָסענעם שטאָל,
שלעסער, און שלעסער, און שלעסער אָן צאָל.

שלעסער —
ביבליאָטעקן און מוזעומס,
מאָנומענטן, מאַוזאָלעומס,
טעמפלען, קירכן, קאַטעדראַלן,
אַלע שלעסער —
איצטער פאַלן, פאַלן, פאלן.

אָבער מיינע שלעסער —
געבויט פון פאַרלאַנגען,
טעגלעכע זוכעניש, נאכטלעכע באַנגען,
רעגונגען, זעונגען,
שטרעבונגען, ווּנטשן;
געפלאָכטן, געשפונען

פון ווייטע לבנהס און ווייטערע זונען,
פון האַרצנס־באַגערן,
וואָס הערן
ניט אויף פון דעם האַרצן צו שטראַלן:

מיינע שלעסער קאָנען קיינמאָל
ניט פאַלן, ניט פאַלן, ניט פאַלן.

העל

אָ, קרומע וועגן פון מיין האַרץ,
אָ, תהומות פון מיין זעל,
כ'האָב מורא צו קוקן וואָס טיפער,
כ'האָב מורא צו קומען וואָס גענטער
צום שוועל,
צום גרונט פון מיין זעל,
צו זיך —
איז דאָרט שוואַרץ?
ניין, העל.

איך!
איך און דו!
איך און זיי!
איך און איך!
צען איכס! הונדערט. טויזנט.
— אַלע אין מיין זעל.
איז דאָרט שוואַרץ?
ניין, העל.
העל!

אַלע וואַנזיניקע פון אַ דולהויז
— אין איין צעל.
און די צעל ברענט —
העל! העל! העל!

און די וואַנזיניקע ווערן קלאָר
פון שרעק.
זייערע אויגן זעען העל...
זיי קלאַפּן אין די ווענט פון צעל:
עפנט!
שנעל! שנעל!
פון זייערע אויגן שפּאַרט די בלענדנדע וועל
פון צעשמאָלצענעם, אין שרעק צעגאַנגענעם וואַנזין,
(זייערע אויגן זעען העל)
זיי באַפאַלן איינער דעם צווייטן
אין דער ברענענדער צעל.
און אַרום איז העל —
פלאַמען רויט, פלאַמען געל,
פלאַמען רויט, פלאַמען געל.
ס'ברענט די שרעק,
ס'ברענט דער וואַנזין,
ס'ברענט די אוממאַכט,
ס'ברענט דער געשריי אין דער פאַרשטיקטער קעל,
ס'ברענט די גאַנצע צעל —
העל! העל!

מיין זעל —
איז דאָרט שוואַרץ?
ניין, העל.
העל!

ביזנעס

...פון דעם ווייסן נעפּל גליטשט זיך אַרויס דער קעלנער.
איך באַשטעל אַ סענדוויטש,
און בלייב זיצן אַזוי אויטאָמאַטיש,
אָפּהענדיק —
אַ טייל פון דעם געדויש, וואָס איז אַ נאָנט, אַ ווייט,
אַ שטויבל, וואָס דרייט זיך אַרום אין פליסנדן נעפּל.

הינטער דעם טומבאַנק שטייט דעם רעסטאָראַטאָרס טאָכטער,
מסתּמא בלויז אַכצן יאָר אַלט, נישט מער.
דאָס מעסער, וואָס זי האַלט מיט אירע ווייסע, דינע פינגער —
בלאַנקענדער שטאָל —
בליצט יעדעס מאָל, ווען עס שניידט זיך איין אין פלייש.
זי שניידט, און אירע פינגער:
בלאַסע פּערל־שנורן אויף אַ רויטן, דיקן קאַרק.
די ייִנגע בריסט פלאַטערן אויף דער שוואַרצער, געפּאַסטער בלוזקע

איך ציטער אויף.

— אַ ווייסער אינדישער טעמפּל.
יונגע מיידלעך מיט דינע, נערוועזע פינגער,
מיט ערשט־פאַררונדלטע, בויגיקע גלידער,
זייבען מקריב זייער מיידלשקייט צום אַלץ־ליבענדן, אַלץ שאַפנדן גאָט.

איך בין דער פּריסטער אינם טעמפּל פון פרוכטבאַרקייט,
איך נעם צו געלאַסן, רויק און גאָטספאָרכטיק
דעם מיידלס מתנות:
דעם פלאַטער פון די נישט באַרירטע בריסט,
די ווייסקייט פון אירע צאַרטע, דינע פינגער,
די יונגע שרעקעדיקייט פאַר דער מיסטעריע פון געשלעכט.
רויק און גאָטספאָרכטיק, טוענדיק דעם אייביקן ווילן פון דעם אייביקן גאָט.

— —

פרילינג.
גרינקייט פון פעלד און וואַלד.
קנאָספּן פּלאַצן און פּלאַצן.
מאַגנאָליאַ־ביימער שפּרייען זייער ווייסע שמעקעדיקע בליונג.
איך, געטריבן פון זונשיין און די פּלאַצנדע קנאָספּן,
געיאָגט פון דעם געזאַנג אין מיין בלוט,
לויף אין וואַלד, אין פעלד און זוך.
מיינע פיס — פלינק, מיינע אָרעמס — שטאַרק.
איך פאַנג זי.
זי האָט מיך אויך געזוכט,
און געוואַרט איך זאָל זי פאַנגען.
טיפער אין וואַלד אַריין!..

גערויש פון יונגע בלעטער.
ווייכקייט פון געדיכטן, פרישן גראָז
אַראָמאַט פון פּלאַצנדע קנאָספּן.
פלאַטער פון עלאַסטישע גלידער.
שטילע, שטילע צורופונגען.

דער קעלנער ברענגט מיר דעם סענדוויטש.
אָהאָ! מיין יונגפרוי, מיין פּרעהיסטאָרישער זיווג ווייס, וואָס עס הייסט ביזנעס,
און ווי פון דינע דורכזיכטיקע סענדוויטשעס זאָלן ווערן אויטאָמאָבילן,
מיט פריילעכע שפּאַצירן־שפּילן אין די פּאַרקן,
אין די אַלעען,
אַז אַלע זאָלן זען!

אָבער ווי ווייס און דין זייבען אירע פינגער!
ווי שמעכטיק שלענגלען זיך די קרעסצענטן
אונטער דער אָנגעצויגענער, שוואַרצער בלוזקע!
איך מאַך צו די אויגן,
פיל אַ צוקן,
און אין דעם ווייסן געפּל
פון געדעקטע טישן,
פון מיילער, וואס עפּענען און פאַרמאַכן זיך ווי קופּערט־דעקלעך אויף ווייכע פּרוזשינעס,
פון גאָפּל־~~געקלנג~~ געקלונג,
מעסער־געבליץ,
און ביזנעס,
נעמט מיך דורך אַ נאָך קיינמאָל נישט געפילטע פיעטעט.

נאָקטורן

„אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זינגט די נאַכטיגאַל".
צוויי אַלטע רוסישע שורות,
נאָר ווי דער פריידיקער שאַל
פון דעם לאַנג שוין פאַרקלונגענעם געלעכטער
פון מיין קינדהייט —
קלינגען זיי אין מיין אויער,
און ווי מיין אמאָליקער געלעכטער
וועקן זיי אין מיר מאָדנעם טרויער.

איז עס ווייל זיי דערמאָנען מיך אָן דעם, וואס פארלוירן,
פאַרגאַנגען — נישטאָ מער...?
קינדער־יאָרן.
שול־יאָרן.
רוסישע גראַמאַטיק.
אַ רוסישער לערער מיט אַ בלאָנד בערדל,
מיט גלאַנציקע מעשענע קנעפּ.
גרויסע שול־געביידע
מיט ברייטע, שטיינערנע טרעפּ.
און מיר, שילער — שטיפעדיקע, לאַכעדיקע,
לויפן אויף זיי,
און אונזערע שטימען —

ווי ניס אָן אַ פלאַכן טעלער —
שלאָגן זיך אָן, צעשיטן זיך אָן דעם טרעפּן-שטיין,
און אָן די ווענט פון די ברייטע קאָרידאָרן.
און איך אַליין — אַזאַ בלאָנדער, פרישער, העלער,
מיט אַזאַ העלן, בלאָנדן געלעכטער,
אַ קינדיש-שיינער,
נאַיווער,
גלויביקער,
גערעכטער.

אָדער טוט מיר פלוצלינג באַנג,
וואס איך אַליין
האָב קיינמאָל נישט געהערט קיין נאַכטיגאַל,
און זי און איר געזאַנג
זיינען פאַר מיר אַ לעגענדע פון אַ וויטן לאַנד.
אַזאַ וויטן, ווי דאס לאַנד פון מיין טרוים.
ערגעץ ביים ראַנד
פון דעם נישט-דערגרייכבאַרן ?
איצט איז שטיל,
שטילקייט פון נאַכט,
און עס וואָלט אפשר גוט געווען,
אז אַזאַ צויבערדיקע האַנט זאָל מיך זאַכט
אַריבערפירן אין יענעם וויטן לאַנד —
ביים ראַנד

פון דעם נישט,דערגרייכבאַרן ;
כ׳זאָל שטיין אונטער אַ גרין דופטענדן בוים
און נישט געטראַכט, נישט געטראַכט,
נאָר געהאָרכט און פאַרנומען
דאָס ליד פון דער נאַכטיגאַל —
אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

שטיל.
נישטאָ קיין רוסישער לערער.
קיין רוסישע גראַמאַטיק.

„אין דער שטילקייט פון דער נאַכט
זינגט די נאַכטיגאַל".
— אין דער שטילקייט פון דער נאַכט —
אין ניו-יאָרק.
אַליין אין מיין צימער.
אונטערן קאַלטן שימער
פון עלעקטרישן לאָמפּ,
ביים גרילענדן זינג-זאַנג
פון ראַדיאַטאָר,
וואס ברומט אַזוי באַנג
און וויל אַלץ, דאַכט זיך, דערציילן :
„אַמאָל איז געווען..."

בײַ דעם גאַנגעס

בײַ דעם גאַנגעס, בײַ דעם גאַנגעס
בליען לאָטאָס־בלומען.
אויף די הויכן פון עקוואַדאָר
טורמען פאַלמען־װעלדער
און ברומען אַן אײביק רו־ליד.
און דאָרט ערגעץ אין א לאַנד אַ װײַטן,
אָן אַ נאָמען,
איז אַ קוואַל פאַראַנען,
שלאָגן פון אים שטענדיק
אַזױנע לויטערע פאָנטאַנען,
וואָס זײער יעדער שפּראַי גיט רו,
רו.
און דו?
אין די טאָלן פון אײביקער אומרו
זינגט און —
בישטיקייט.

אַ הויפן שנײ

איך האָב אַ נעם געטאָן אַ הויפן שנײ
און די פּראַקטיקע ווײַסקייט צונויפגעדריקט.
דעם שנייס זעל
איז אַרויסגערינען אין קאַלטע טרערן.
ערגעץ איז אַן עופהלע געשטאָרבן,
און די מאַמע האָט באַכנישט באַוויזן
אָפּצווישן די לעצטע טרערן
אויף די בלייכע קאַלטע בעקעלעך.

װײסקײט

שנײ־קע װײסקײט אַרום.
װײסע רױקײט אַרום.
דאָך קאָן זיך קײן יאַנואַר־שנײ נישט פאַרגלײכן
צו דער װײסקײט און רױקײט,
װאָס קװילט זיך פאַנאַנדער
און שפּרײט זיך אױס אַזױ װײך
אַמאָל אין אַ יולי־נאָכמיטאָג —
אין מיר.

ווערים

ווערים אַרום מיר.
ווערים.
גרויסע.
ווייסע.
פאַרבלאָזע.
דרייען זיך אַרום מיר מיט דיקע, לויזע, ווייכע בייכער,
שטילע און שימלדיק-פייכטע.
זיי פאַרשלינגען מיך נישט,
זיי וויקלען זיך אַרום מיך פון אַלע זייטן,
פאַרומרייניקן מיך מיט דער פייכטער, קאַלטער קלעפּעדיקייט פון זייער הויט,
הויבן זיך אָן אויף מיר,
אַלץ שטאַרקער,
מערער,
ענגער,
תאוודיקער,
ביז איך ווער דערשטיקט, דערוואָרגן פון דער ווייסער, ווייכער, קלעפּעדיקער מאַסע.
ביז ס'וועט קומען מיין טויט.

— —

ווו איז ער, דער אייביקער, אומפאַרמיידלעכער, אויף אַלע ראָגן לויערנדער, פינסטערער,
אַלמעכטיקער
שומר?

איך,
דער אַטאָם,
וואָס לעבט, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס צו גרויסן זיך,
איך,
דער אַטאָם, וואָס פאַרמאָגט אין זיין טראָפּל מאַרך
אַלע זיינע וועלטן און אַלע זיינע אַמביציעס,
איך —
דער פונם ערשטן טאָג צום אונטערגאַנג פאַרמשפטער,
דעם געוויך פון זיין אייגענעם פוילן יעדן טאָג שפּירנדער,
וואָלט וועלן זען אים
פּנים־אל־פּנים!

קינדער

ערגעץ-ווּ אין אַ בוך זיינען מיינע יאָרן פאַרשריבן,
און זיכער איז עס, אַז איך בין איצט עלטער, ווי מיט פופצן יאָר צוריק.
איך אָבער ווייס נישט מיינע יאָרן — וויל נישט וויסן,
ביז איך קוק אויף קינדער.

אויף זייערע שטערנס — מיין אַמאָליקע דרייסטקייט,
מיין געוועזענע זיכערקייט;
מיינע טרוימען — איצט צערונענע.
אין זייערע אויגן — מיינע גאָלדיקע מאָרגנס,
מיינע גאָלדיקע מאָרגנס, וואָס זיינען געוואָרן היינטן פון בליי:
אינם בויג פון זייערע צאַרטע, יונגע לייבער —
אַלע מיינע מעגלעכקייטן און פאַרלאַנגען,
איצט פאַרלאָכטע, איבעריקע, אומנוציקע.

זאָל איך ווערן בייז?
זאָל איך שרייען:
ווילט איר מיינע ערטער חוצפּהדיק פאַרנעמען,
און די שפּורן פון מיינע פאַרלוירענע קעניגרייכן נקמהדיק פאַרשווענכן?
ווי קאָן מען אָבער בייז זיין אויף קינדער?

ניין, איך בין נישט בייז אויף אייך,
אָ ליבע, אָ אומגליקלעכע!
אָ אומצעליקע געשטאַלטן פון מיינע איכן!

די צייט

עפּעס זונדערבאַרעס, וווּנדערבאַרעס
פּריידיקט זיך אין דעם שטיקל ערד,
וואָס נערט מיין פיקוס־בוים.
אַ פייערלעכער סאַקראַמענט
הייליקט זיך צווישן די ווענט פון דעם טאָפּ,
ווו עס וואַקסט מיין פיקוס־בוים,
און ברענט אין די אויפגייענדע קנאָספּן.

*

ווי די ברוסט־שנעבעלעך
ביי יונג־פרויען, וואָס ווערן רייף מיט שוואַנגערשאַפט,
רונדלען זיך שטייף
די רויטלעכע קנאָספּן.
שפּעטער
וועלן נייע בלעטער ארויסקומען פון זיי,
אַזוינע העל־גרינע, צאַרטע, יונגפרוילעכע.
זיי וועלן זיך וויקלען און שיילן,
און ווי פריער זייערע ברידער און שוועסטער
זיך באַלד ליבלעך פּיעשטשען אונטער דעם גלעט פון מיינע אויגן.

ביינאַכט,
ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף
הער איך אַ מאָדנע פליסטערן
צווישן די פליישיקע בלעטער פון מיין פיקוס.
זיי רעדן
שושקען זיך,
האַרן, גאַרן, וואַרטן
אין אַ צאַרטן און פאַרשמאַכטן פיבער.

ווי גלוסטיק ענטפערט אָפּ
מיין ברודער אין דעם רויטן טאָפּ
א־יף דעם רוף פון דער צייט!

מאַנאַטאַן

גרוי און קאַלט.
אין די אויערן איין שלוכץ·
מאַנאַטאַן.
מאַנאַטאַן.
אויף אַ דינעם, אָנגעצויגענעם, הויך־פּאַרוואָרפענעם דראָט,
פאַר איין האַנט,
הענגט מיין טאָפּלט-איך.
די האַנט איז שוין געליימט.
דער דראָט האָט דורכגעשניטן הויט און פלייש און זעגט דעם ביין.
באַלד — און...
מאַנאַטאַן.
מאַנאַטאַן.

אויגן

איך האָב אויסגעצויגן מײַן האַנט,
און דער גראָבער פינגער איז שוין געלעגן ווייך און זיכער
אין דעם האַלז־גריבל.
דאָס קלעפּעדיקע, קויטיק־גרינלעכע נפש האָט זיך געצאַפּלט אין מײַן האַנט־גריף.
בלויז איין דריק...
האָט אָבער אַפילו ד א ס — אויגן.
און אויגן קאָנען מאָנען, בעטן, בעטלען שוץ און רחמים.
מײַן האַרץ קאָן נישט פאַרטראָגן דאס בעטלען
פון אויגן.
איז מײַן האַנט אַראָפּגעפאַלן.
און אין דער הייל פון האַס און עקל
האָט זיך — אַ באַזיגטער — אפילו מײַן קלײנער שפּיי־דראַקאָן צוריקגעצויגן.

קעץ

(1)

דאָס קעצל ברומט ביי מיר אין שויס
און קוקט מיט וואַרעמען בורשטין.
און ווייל כ׳טרייב עס נישט אַרויס —
עס קומט צוריק מיט אויגן גרויס,
מיט אויגן געל, מיט אויגן גרין,
און שפּרינגט אַרויף, און שטרעקט זיך אויס,
און נורעט ווידער זיך אין שויס.

אין שטוב איז וואַרעם, אָנגענעם.
דאָס קעצל טוליעט זיך באַקוועם,
און זוכט ביי מיר אַ גלעט.
כ׳נעם צערטלען לייכט דעם ראָזן קין,
די אויגן פינקלען טונקל־גרין
און זשמורען זיך אין אַ געבעט.
און ווען זיי עפנען זיך צוריק,
איז לויטער אָפּגעבונג דער בליק.

איך גלעט דאָס קעצל לאַנג און שטום
און הער זיך איין אין זיין געברום,
אין אָט דעם מאָדנעם קאַצן־ליד.
ניט מער קיין קאַץ — אַ פולער קנויל.
דאָס צימער אָטעמט שווער און פויל.
דער דיל און ווענט — פאַרחלשט־מיד.

ק ע ץ.

(2)

אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד,
אין שטילער שעה פון אָוונט־צייט,
אויף קישעלעך פון וייכן זייד,
דראַפּירט אין געל און גרין געוואַנד,
דאָרט זיצן שעהן נאָכאַנאַנד
די שענסטע פרויען פון דעם לאַנד,
און ציען זיך, און שטרעקן זיך,
און דרימלען איין, און וועקן זיך,
אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד.

אום יעדער איינער פרויס פיגור
הענגט שווער אַ לאַנגער קרעלן־שנור.
און יעדע גלעט דעם הייסן באַנד
און פּרעסט אים איין אין ווייכער האַנט,
און וויקלט זיך אין אים אַריין.
און יעדע ציט דעם שנור און ציט,
און יעדעס אויג גליט אויף און גליט,
און זשמורעט זיך באַלד ווידער איין.
לאַנג פליסט די שעה, און פויל און שטיל,
און לאַנג האַלט אָן דער קרעלן־שפּיל—
אין ראָזן אָפּהענדיקן שיין.

די שיינער פינקלען רויט און בלוי,
און עמעראַלד, און געל און גרוי,
און גיסן מידן אַראָמאַט.
און יעדע האַנט ציט אַלץ דעם באַנד.
אין האַרעם, ווייט אין סאַמאַרקאַנד,
וווּ אַלץ איז וואַרעם, ווייך און מאַט,
וווּ אַלץ ליגט האַלב אין היגער-פּלעט,
און גאַרט און בעט דעם האַרס א גלעט.

טראַנס

אַ וואַלד שפּיציקע, שפּיזן־בּליציקע הענט,
בּלייכע, לאַנגע, דינע פינגער.
אַלע ציען זיך צו מיר,
גראָבן זיך איין אין מיין לייב,
לעכערן דורך די רויטקייט פון מיין האַרץ,
און קריצן דאָרט אויס בּלייכע, קאַבּאַליסטישע צייכנס.
איך האָב מורא פאַר די צייכנס,
קאָן זיי נישט בּאַשיידן,
פאַל בּלויז אַריין אין הינערפּלעט פון זייער בּלייכקייט.
פּאַקן מיך אַלע מילי־מיליאַסן פינגער,
בּלייכע, בּלייכע,
דינע, דינע,
לאַנגע, לאַנגע.
וואַרגן מיך,
און איך צעפּאַל אין פאַרחלשטער בּלייכקייט.
— ווו־נישט־ווו
רויטע אָדערלעך.

לאַנגווייל

גרויער שלאַנגנקאָפּ פון מיין לאַנגווייל,
לאָמיר זיך איינבייסן אין דיר,
לאָמיך אַריינלאָזן מיינע ציין
אין דער ווייכקייט פון דיין האַלז.
גרויער שלאַנגנקאָפּ פון מיין לאַנגווייל,
דיין גאָפּלדיקע צונג
וועט מיך פריער פאַרצוקן.
דיין האַלז איז אין מיין גריף
און איך פיל דעם שפּאָטישן ציטער
פון דיין לעצטן רינג.
איך וויל זיך איינרעדן, אַז איך בין דיין האַר,
אָבער דיינע רינגען וויקלען מיך אַרום,
און בין ביי דיר ווי דער לאַאָקאָאָן.
דו ביסט מיין האַר.

גרויער שלאַנגנקאָפּ פון מיין לאַנגווייל,
לאָמיך דיך —
לאָמיך דיך —
— דו וועסט מ י ך.

א יי נ ע ר

פינף צימערן —
איך איינער אין זיי.

מיינע צימערן —
איך איינער אין זיי.

מענטשן גייען, מענטשן קומען —
איך איינער אין זיי.

צימערן.
זיינען עס מער נישט קיין צימערן.
אַ לאַנגער, גראָער לאַבירינט.
שאָטנט אַ שאָטן און פאַרשווינדט,
ווייזט אַ געשטאַלט זיך און צערינט,
טרויערט אין אַ ווינקל מייז בעסטע שעה,
לויערט אין אַנדערן מיין ערגסטע.

שלייכן זיך צונויף אַלע מיינע שעהן
גרינזען מיט די ברייט-מויליקע מאַסקן,
און שטעלן זיך אויס אין צווייען —
אין לאַנגע, לאַנגע רייען.
קריך איך צווישן די גראָע שערענגעס
און פרעג:
ווער איז דאָ געווען מיט מיר,
און ווער אָט דאָ?
קוקן אַריין מיר אין פּנים די שעהן,
פאַרפאַלט ווי אין גראָען פון מאַסקן-געלעכטער מיין האַרץ —
גראָ,
גראָ,
שוואַרץ.
ווער איז דאָ געווען מיט מיר,
און ווער אָט דאָ?
טרויערט אין א ווינקל מיין בעסטע שעה.
לויערט אין אַן אַנדערן מיין ערגסטע.

אין דער ווייסקייט פון טאָג,
אין דעם רויש-גערויש פון גאַס,
צווישן מענטשן אין זייער גראָען טומל,
קריג איך אין מיינע פינף צימערן
מאָדנע
מורא.

ווינקלען

טרעפּן. מאַסן. שטייגן. פאַלן. פינסטער. ליכט.
ווענט אַרום. מאַסיוו און דיק. דאָך פאַלט אין שטראַלן
דורך די ווענט דער דרויסן. נישט קיין ווענט, — וואַלן.
עפּנט אַלץ זיך און פאַרמאַכט זיך אומגעריכט.

געגעצט שוואַרצקייט. טרעפּן. ווינדלען. שטייגן. פאַלן.
פאַלט די גאַנצע מאַסע. פאַלט אויף מיר געדיכט.
אויסגעשרייען. וווּ? ווער? שטיקט אַלץ איין ס׳געוויכט.
פאַלן שלוכצן (וווּ? ווער?) שטיינער און פאָרטאַלן.

צימער. דרייעק. ווינקלען. שפּיצן. אומעטום.
פאַלן ווענט. פאַמעלעך, דראָענדיק און שטום.
קומען נענטער, נענטער אַלץ און אָנגעלענטער.

בייל איך איין די פויסטן, שטרעק איך אויס די הענט,
קלאַפּן זיך די פינגער אָן אין דרייסיק ווענט.
ווינקלען, שפּיצן, — נענטער, נענטער, נענטער, נענטער.

בלעטערפאַל

דו קומסט צו מיר מיט דעם שאַרפן,רייצנדן אַראָמאַט
פון אַלע מיינע פרילינגען,
אָבער ווען איך גיי אַוועק פון דיר,
הער איך נאָך שאַרפער
דאָס שטילע מעלאַנכאָלישע, שאָטנדיקע שאָרכן
פון דעם אָנקומענדן בלעטערפאַל.

ווייסער שוואַן

דיין יונגע שיינקייט, מיידל,
איז אַ ווייסער שוואַן,
וואס פליגלט איבער מיר אין צופעליקן טריומף.
איך ליג אין שמאַכטיקער פאַרגעסנהייט,
און ער —
נישט ווינסדיק גאָר וואָס ער טוט —
פיקט מיט זיין צאַרטן ראָזן שנאָבל
מיין הארץ.

וועט=לויף

דיין יונגע שיינקייט.
דיין יונגע שיינקייט.
אַ וועט=לויף.
מיינע אייגענע יונגע יאָרן
לויפן ווי הירשן אין די טאָלן,
ווי יונגע הירשן אויף די בערג,
אַלץ דרייסטער, שנעלער, העכער,
און קומען שטענדיק די ערשטע צום ציל.
איצט האָבן אַנדערע הירשן מיינע הירשן געגומען אַריבערלויפן.
(אַלע וויגן און קינדער=צימערן
זיינען פול מיט נייע וועט=לויפער).
מיינע פאַרוואונדעטע הירשן
ברומען פון באַליידיקונג,
צאַפלען זיך אין מאַכטלאָזיקייט.

דו האָסט מיר דערעסן

דו האָסט מיר דערעסן.
דיין נאָנטקייט,
דיין בליק,
דיין שלאַנקער קערפּער —
זיי זענען מיר געוואָרן ווי אַ כמאַרע אָפּגעפּאַלענע בלעטער,
וואס דער מערב-ווינט האָט פון דער ערד אַ הויב געטאָן
און אין דער לופט צעמאָלן,
פאַרכאַפּנדיק און פאַרשטויבנדיק
מיין אויג און אָטעם.

דיינע הענט,
נאָך וועלכע מיינע האָבן אַמאָל אַזוי שטארק געבענקט,
זענען מיר געוואָרן ווי אַ בינטל צווייגן,
וואס גיבן אומערוואַרטעט אַ פּאַטש אין פּנים
ווען דו גייסט, אַ פאַרטראַכטער,
ערגעץ-ווו, אויף אַ וועג,
ווו עס דאַרפן קיין ביימער נישט וואַקסן.

דו האָסט מיר דערעסן!
איך האָב אַמאָל געזוכט אין דיינע אויגן

ווייל כ'האָב געמיינט:
זיי זוכן אין מיינע אויגן דעם אומעט, וואָס טונקלט דאָרט,
אַ שאָטן פון אַלע דעמערונגען פון אַלע צייטן,
אַ פלאַטער אויך פון דיין זעלן-דעמערונג.
איצט ווייס איך:
דיינע אויגן האָבן אין מיינע בלויז אַ רעוועראַנס געזוכט,
אַ רעוועראַנס צו דיינע גרויסע שוואַרצאַפּלען,
צו דיין קעציש-בויגזאַמען קערפּער,
צו דיינע זיך ציענדע הענט.
נישט מ יי ן ליבע אפילו,
נאָר אַ פערזאָנעלאַזן, נאָמענלאָזן
רעוועראַנס.

גיי!

מען דאַרף נישט קיין געזעגנונג
און קיין אָפּשיד-ווערטער.
נישט איך, נישט דו וועלן באַדויערן.
איך — ווייל איך וויל נישט,
דו — ווייל דו קענסט נישט

און זיין וועסטו מיר —
ווי אַ נאָוועמבער־רעגן, וועלכער פּארכאַפּט אין גאַס
און נאָך וועלכן דו שטייסט ביים קאַמין,
וואַרעמסט זיך,
און היטסט דאָס צאנקען פון די אויסהויכנדע קוילן.

און איך דיר —
נאָך אַ שנירל קרעלן,
נאָך אַ טראָפּיי,
מיט וועלכע דו וועסט ציילן, איבערקלייבן דיינע ערפאָלגן.

טאָס

לאַנגע רייען הויכע שטיינערנע גלאַדיאָלן.
ווייטער פליעסק פון ווייט זיך גליטשנדע גאָנדאָלן.
ציטער-שיין פון טויטע, גאָלדענע קופּאָלן.
איך — אַליין.

שלאָס פון קאַלטע, בלישטשענדיקע כריזאָפּראַזן.
אומעטום — דראַקאָנען-בייכעדיקע וואַזן.
טראָן פון בלאָלעך-גרינלעך-געלבלעכע טאָפּאַזן.
איך — אַ שטיין.

געצן — שטערנס קופּער, אויגן פון רובינען,
געצן — לענדן מעש, מיט אויגן פון בורשטינען,
קומען בויגן, נויגן, בוקן זיך און דינען,
דינען מיר.

און זיי זינגען: ס'שפּילט אַוראָראַ באָרעאַליס,
ס'בענקט די בענקעניש פון אַלע פּרינצן-אַליס,
ס'טרוימט דער בלאָער טרוים פון בלאָנדן דייטש נאָוואַליס,
בלויז פאַר דיר.

און זיי בעטן: גיב אַ קלאַפּ אין דיינע טאַצן,
גיב אַ פּאַך מיט דיינע גאָלדענע פּאַלאַצן,
זאָלן פּארבן-פּאַנצער, טרוים און בענקשאַפט פּלאַצן,
שנעל — צעשטער!

און זיי ווארנען: ס'האט אונז מיד געמאכט דער כאַאָס,
מיד דער שטרענגער, ווייטער, גרויזאַמער צאַוואַאָס
איצטער זיינען מיר אויך מיד פון דיר, אָ טאַאָס.
שוין. נישט מער.

הער דו אויף מיט דיינע אָפּפער פון קאָלירן,
מיט די שטיינער־הימנען, בענקעניש־טורנירן,
הער שוין אויף, דו, אונזער ברודער צו פארפירן.
מוזט פארגיין.

הער איך די התראות פון די ברידער־געצן.
שטרעק מיין ארעם אויס, צעקוועטש זיי אין די נעצן,
און באשמיר מיין ליב מיט זייערע פארבן־פעטסן.
בלייב — א שטיין.

גאָטס האַרץ

דעם האַרס רויט האַרץ איז פאַרוואונדעט געוואָרן
און נישטאָ קיין היילונג.
צומאָל פאַלט אַ רויטער טראָפּן אויף מיר
און פאַרסמט מיך,
און מאַכט מיך קראַנק.
בין איך קראַנק
מיט דער קראַנקהייט
פון גאָטס רויט פאַרוואונדעט האַרץ.

אין דעם זון-פאַרגאַנג —
שחיטות, שחיטות
מאַכט אָן דעם האַרס פאַרוואונדעט האַרץ.

אין דעם רחמנותדיקן פלאַפל,
וואָס פליסט פון אַ קינדס רויט מויל —
קינדער, קינדער,
וואָס גרייט פאַר אייך
גאָטס פאַרוואונדעט האַרץ?

אין דעם צער-פולן ענטפער,
וואָס די רויט-שנאָבלדיקע טויבן פון מיין געליבטער
גיבן אויף דעם באַריר פון מיינע פאַרווירטע פינגער —

משוגע, משוגע
איז געוואָרן גאָטס פֿאַרוווּנדעט האַרץ

אין דעם אַלעם
שפּיר איך דאָס טריפֿן פֿון גאָטס האַרץ,
אין דעם אַלעם
סמט און פֿלאַמט מיין קראַנקהייט.
ווייל איך הער גישט אויף צו הערן
דעם יאָמער
פֿון דעם האַרס פֿאַרוווּנדעט האַרץ

און היינט האָב איך עס געזען,
גאָטס רויט, פֿאַרוווּנדעט האַרץ.
אין דער קאַטעדראַלע פֿון דעם הייליקן פּאַטריק
איז עס אויסגעשטעלט.
פֿון רויטע גלעזערנע לעמפּעלעך איז עס געמאַכט,
פֿון רויטע לעמפּעלעך מיט עלעקטרישע דראָטן.
די לעמפּעלעך זיינען אויסגעשטעלט אין רייען,
ברייט און רונד פֿון אויבן,
און אונטן — שמאָל.
און עס וויינט מיט רויטע טרערן
גאָטס פֿאַרוווּנדעט האַרץ,
וויינט און בלוטיקט און בעט זיך.

און פון דער וואַנט
ווינקט אויף זיין אייגן רויט האַרץ
דער האַר אַליין.
אין אַ קראַנץ פון דערנער,
מיט אויגן, וואָס קוקן מיט אַ שטילן יאָמער.

אויף בראָדוויי, אויף דעם גרויסן ווייסן וועג
פינקלען עלעקטרישע לעמפעלעך.
רויטע —
און גרינע,
און בלויע,
און געלע,
און וויאָלעטענע.
דאָרט רייען זיי זיך נישט ווי הערצער,
דאָרט דרייען זיי זיך ווי שלאַנגען,
אָדער שיסן ווי ראַקעטן —
אויף שילדן.
אויף שילדן פון קאַי-גומי,
פון קאָרסעטן,
קראַגנס און מאַנזשעטן,
ציגאַרעטן,
אויטאָמאָבילן-רעדער,
אָריענטאַלישע בעדער,

שרייב־מאַשינען,
פעדער,
לעדער,
זייד־גאַרדינען —
פון אַלערליי סחורות,
וואָס יעדער,
יעדער קאָן, דאַרף און זאָל
קויפן, קויפן, קויפן.
און יעדעס לעמפּל שרייט,
און יעדע פאַרב רופט קונים,
און יעדע שילד שלאנגט זיך און שיסט —
ראַקעטן, ראַקעטן!
דער שאַל פון פאַרביקע, עלעקטרישע קלאַרנעטן.
דער רויש און גערויש פון בראָדוויי,
פון דער גרויסער רוישיקער שטאָט.

...און איך בין קראַנק
מיט דער קראַנקהייט פון גאָטס פאַרוווּנדעט האַרץ.
טראָפּנס פון אים
פאַלן אויף מיר,
און סמען,
און פלאַמען אויף מיט שאַרלעך,

~~גאָס־האַן~~

וואָס איך זע אין זון־פאַרגאנג,
אין א קינדס מויל,
אויף מיין געליבטערס ציטריקע טויבן

און אין בראָדוויי,
אויף דעם גרויסן ווייסן וועג
פון דער גרויסער רוישיקער שטאָט.

יואָלאַ

יואָלאַ ! יואָלאַ ! זי הייסט נישט אזוי.
אזוי איז זי מיר נאָר באַקאַנט
איר אויג — איז עס גרוי? אָדער שווארץ? אָדער בלוי?
איר האַנט — איז זי שמאָל, עלעגאַנט?
ווּ זוכט מען איר שטאַם? ווי רופט מען איר לאַנד —
עגיפּטן, פּאָמפּיי, אָדער טראָי,
צי גאָר סאַמאַרקאַנד? כ׳בין דאס אַלץ נישט אימשטאַנד
צו זאָגן. מיר איז זי די פרוי.

נאָר איינס ווייס איך זיכער. איין זאך איז מיר קלאָר:
יואָלאַ באַפעלט און באַצווינגט.
טאָג, מאָנאַט און יאָר, סיי אין טרוים, סיי אין וואָר
פארקלינגט מיך איר רוף און פארקלינגט.
נאָר וואס איז יואָלאַ? ווער איז זי, וואס ברענגט
מיר ליידן און זאָרגן און אומרוען נאָר?
אַ ליד, וואס פארזינגט, צי אַ וועל, וואס פארשלינגט?
איך ווייס נישט, איך ווייס נישט פאַרוואָר.

סעלימא

סעלימא, סעלימא.
רויטע דיוואַנען רויטלען זיך רויט;
צונגען פון פייער
פלעמלען זיך, צינדן מיט רויטקייט.
רויטע דיוואַנען — כוואַליעס פון פלאמענדן מאָן,
גליען און בלענדן,
לאַשטשען און גלעטן
מיט ווייכקייט.
מיט רויטער און פלאַמענדער ווייכקייט,
מיט ווייכער און לאַשטשענדער רויטקייט.

סעלימא, סעלימא.
גלוטיקע ליפּן פון בליענדן רויט,
גלוטיקע ברוסט-שנעבעלעך פון מאניענדן רויט
זיי פלאַטערן, פליסטערן, דופטן מיט רויט
און צויבערן אויס פורפורנע, פּאַמסענע נעפלען,
און צינדן דעם מאַרך אָן מיט רויט,
פון זיי שפּינען זיך, שפּינען זיך
רויט-ראָזע וואַלן,
צונטענע שאלן,
וואָס פליען — און ציען
אריין אין אַווירבלענדן, רויטן געדריי.

סעלימא, סעלימא.
אין רויט=ראָזן אַראָמאַט
שלאַנגט זיך די ליניע פון לעפל פון אויער
אַריבער דער רונדקייט פון שמעכטיקן שולטער,
אַריבער דעם פלאַטער פונם דיך —

אַריין אין דעם שויס.
און ציט זיך דאַן ווידער אין ראָזע קרעסצענטן
ביז דעם פינגער, דעם קליינעם, פון פוס.
און ס'קראַמפט זיך די ליניע
אין רוטלעכן קראַמפ
און שמעכטיקט מיט רופנדער רויטקייט.

סעלימא, סעלימא.
דאס שלאַנגנדע רויט,
פלאַטערט אויפן רויטן דיוואַן,
שטרעקט זיך אויפן רויטן דיוואַן,
ליגט אויפן רויטן דיוואַן —
אַ בלענדנדע, צינדנדע, שלאַנגנדע, לאַשטשענדע, רופנדע רויטקייט.
סעלימאַ !...

װ י אָ ל אַ

װיאָלעט פֿון מעלאַנכאָלישע פֿאַרנאַכטן.
װיאָלעט פֿון אומבאַשטימטע פֿאַרלאַנגען.
זיפֿצנדע, װײכע, װיאָלעטענע װעלן
פֿון די װיאָלאָנטשעלן
אין פֿאַרנאַכטיקע שעהן.

הינטער זיבן ימען,
הינטער דרײצן בערג,
אויף דער ליניע, װוּ אין לילאַנע פֿלאַמען
ציטערט דאָס ראָז פֿון דעם טאָג —
דאָס בלױ פֿון דער נאַכט,
שטײט אַ שלאָס פֿון אַמעטיסטן
אין דעם שלאָס — אַ צימער,
אײַנגעהילט אין לילאַ־שימער.
דאָרטן װאַרט
מײַן בענקשאַפֿט.

איז זי פּרינצעסין?
איז זי אַ פֿרױ?
האָט זי פֿאַרגעסן?
געדענקט זי געװיס?
זי האָט ניט פֿאַרגעסן,

באָר געדענקט נישט געווי.
זי איז פּרינצעסין,
זי איז די פרוי.
זי איז מיין בענקשאַפט,
איינגעהילט אין ווייכן צאַנקנדיקן אַמעטיססטן-שימער

אויך איך געדענק נישט איר פּנים,
ווייס ניט ווער זי איז.
נאָר איך קאָן זי נישט פאַרגעסן,
מיין ווייטע פּרינצעסין.

אינם פּערלמוטער פון פאַרנאַכט, —
(ערגעץ ווו פלאַצן די בליטן פון בעז)—
זיפצט אויף איר נאָמען אין מיין האַרץ.
מיינע הענט שטרעקן זיך אויס צו איר,
און אירע צו מיר —
איבער די בערג פון וויאָלעט;
איבער די ימען פון לילאַ.
און ס'פינקלען אויף די אַמעטיסטן פון איר שלאָס
אין מיין בלוט.

איר קרוין
לויכט אויף אין מיר מיט אַ פיינלעכן טרוים.
און עס זיפצן די וווּנדיקע וועלן

פון די פאַרנאַכטיקע טשעלן —
זיפץ פון דעמערונג;
פון ציטערנדן יונגהארבסט.
פון אַלץ, וואָס מוז און וויל ניט פאַרגיין.

נאָר דאָ וואַקסט אויס אַ וואַנט
צווישן איר און מיר
שוואַרצע ריזן ווערן די בערג,
שוואַרצע פוריעס — די ימען.
און זיי רייסן אונדז פונאַנדער,
אונדז מיט אונדזער קיינמאָל נישט געלאָשענער
בענקשאַפט.

אָ, ווייַנענדע ווערן
פון פאַרנאַכטיקע טשעלן!
אָ, דו געזוכטע אימער, אימער
אין אַמעטיסטן-שימער!
אָ פרינצעסן!

יאָלאַנדאַ

קרייזלט די ליולקע מיר קרויזן פון רויך.
שטייגט פון דער ליולקע אין דער הויך, אין דער הויך,
אַ נעפּל פון בלוי, אַ נעפּל פון בלוי.
איך האָב ליב בלוי, יאָלאַנדאַ.
סאַפּירן־בלוי,
טורקוזן־בלוי
פון דיינע אויגן וויקלען זיך רינגען פון בלויע שלאַנגען,
איז דאָס מיין שיקזאַל:
געפאַנגען פון בלויע שלאַנגען.

בלויער שיין פון סאַפּירן, טרוימען מיינע פון יוגנט!
זיי פאַרפירן, פאַרפירן און איך היט זיך נישט פון זיי.
בלייכער שימער פון טורקוזן —
מיר מוזן, מוזן בויגן אונזער קאָפּ פאַר זיי.
זייער בלויקייט בייט זיך
פון יעדן קאַפּריז פון הימל,
און יעדער קאַפּריז פון הימל
איז אַ ציטער אין אונדזער האַרץ.
אַזאַ ביסטו, יאָלאַנדאַ
יוני־בליצן־יאָלאַנדאַ.
ביסט שטענדיק לעבן מיר,
און שטענדיק ווייט, יאָלאַנדאַ,

מיין לעבן איז אַ וואַנדער, אַ וואַנדער בלויז צו דיר.
— כ'האָב טויזנט וועגן, יעדער וועג — טויזנט שטעגן,
אויף אַלע — די שפּורן פון מיין וואַנדערן צו דיר.
כ'הער מיליאָסן שטימען, יעדע שטים — מיליאָסן קלאַנגען,
אין אַלע — דיין געלעכטער:
לאַי־לע־לי, לאַי־לע־לי,
און הערט עס מיין האַרץ, האַלט עס נישט אויס
פון פרייד שפּרינגט עס אויף,
מיט פרייד זינגט עס נאָך:
לאַי־לע־לי, לאַי־לע־לי.

(אָט דאָס האַרץ —
מיין האַרץ
וועט אויסגיין אַמאָל פון דיין ווייטן, מאַניעגדיקן לאַכן.)

מיר דאַכט זיך אַלעמאָל אויס
אַס זע איך דיך שוין,
אָט בין איך לעבן דיר,
און צעגיי, לייז זיך אויף אין דעם בלוי פון דיינע אויגן.
נאָר יעדעס מאָל גליטשסטו זיך אַרויס, יאָלאַנדאָ,
דו ווערסט נישט,
דו פאַרשווינדסט.
די בלויע שלאַנגען דרייען זיך פאַר מיר,
די סאַפּירן פאַנגען מיך אין זייער נעץ,

די טורקוזן פֿאַרפֿירן און רייצן.
נאָר דיך קען איך נישט דערלאַנגען.

איך בין שוין מיד, יאָלאַנדאַ,
דיך זוכנדיק.
איך ווער שוין אַלט, יאָלאַנדאַ,
דיך גאַרנדיק.

קרייזלט דער רויך זיך אין קרויזן,
פֿלעכט זיך אין בלוי־בלויע רויזן,
און פֿאַרשווינדט:
ווי די בלויע פֿארלאַנגען פֿון מיין האַרץ, יאָלאַנדאַ;
ווי די פֿאַלשע קלאַנגען פֿון דיין געלעכטער, יאָלאַנדאַ;
ווי די פֿאַנגנדע שלאַנגען פֿון דיין אויג, יאָלאַנדאַ.
ווי איך, יאָלאַנדאַ, און ווי אַלץ, וואָס אין מיר.

עלאַדעאַ

גלעקלעך פון גאָלד,
גלעקלעך פון גאָלד,
קלאַנגען פון זון-אָראַנזש גאָלד;
אַ מעשה וואָס האָט געזאָלט,
אַ מעשה וואָס האָט געזאָלט זיין,
און נישט געווען.
ווער האָט אין די לאַנגע באַנגע נעכט
ווער האָט אין די גרויע, רויע טעג
געטרוימט פון עלאַדעאַן?
ווער האָט אין די לאַנגע באַנגע נעכט,
ווער האָט אין די גרויע רויע טעג.
געבעטן צו עלאַדעאַן:

עלאַדעאַ, עלאַדעאַ,
הער מיך צו:
גאָר דער וועלט — גאָר די וועלט,
מיר — בלויז דו!
עלאדעאַ, עלאַדעאַ,
ענג די שטוב, און פרעמד די גאַס, און זע:
איך שפּאַן און שפּאַן;
עלאַדעאַ, עלאַדעאַ,
ברענג דעם טאַליסמאַן!

עלאַדעאַ, עלאַדעאַ
קום, ערשיין!
עלאַדעאַ, עלאַדעאַ,
וואָס וואָלט זיין,
אָ, וואָס וואָלט געקאָנט פון מיר אַלץ זיין
מיט דיין גאָלד,
מיט דיין זון-און אָראַנזש-גאָלד!
ווער האָט אַזוי געבעטן?
און ווער האָט געצייכנט אין זאַמד,
און באַשריבן אַלע פּאַפּירן,
און באַקריידט אייך אַלע טירן
מיט דעם נאָמען:
עלאַדעאַ, עלאַדעאַ?

קומט, בעטער, צו מיר.
מיר וועלן גיין צום טייך,
צום גרויסן, הייליקן טייך,
וווּ עס שפּיגלט זיך דאָס גאָלד,
דאָס זון-און אָראַנזש-גאָלד
פֿון עלאַדעאַן.
מיר וועלן שטיין ביים טייך,
וווּ עס איז צעגאָסן דאָס גאָלד,
צעפֿלאָסן דאָס העלע גאָלד

פון עלאַדעאַ׳ן ,
און מיר וועלן וואַרפן אין טייך
דאָס גאַנצע צירונג אונזערס:
אַמעטיסטן פון געקאָנט;
רובינען פון געדאַרפט;
טאָפּאַזן פון געזאָלט, געזאָלט, געזאָלט.

מיר וועלן זיך דאַן שטעלן אויף די קני.
און געבן זיך די הענט,
און זינגען שטיל און לאַנג,
און זינגען לאַנג און באַנג.
דאָס דאָזיגע געזאַנג:

גלעקלעך פון גאָלד,
קלאַנגען פון גאָלד,
קלאַנגען פון זון־אָראַנזש־גאָלד;
אַ מעשה וואָס האָט געזאָלט,
אַ מעשה וואָס האָט געזאָלט זיין,
און ניט געווען.

קאַראַהילד

I.

אין שוואַרצן זיידן-קלייד, אין שלייערן פון קרעפּ געהילט,
ביסטו צום ערשטן מאָל פאַר מיר ערשינען, קאַראַהילד.
דו ביסט געקומען מיט דעם זיפץ פון שאָטנס אין דער נאַכט,
און אויפגעפלאַטערט האָט אַ טרויער-זעגל אויף מיין שיף פון שלאַכט.
און באַנג געשאָרכט אינ'ם לעצטן שלוכצן פון דערשטיקטן ליכט,
וואָס איז פאַרצוקט געוואָרן פון דער פינסטערניש, געדיכט.
דו האָסט קיין וואָרט געזאָגט. דיין אויסגעשטרעקטער אָרעם בלויז —
אַ ווייסער שוואַנען-האַלז זיך טוקט אין טונקלען וואַסער-שויס —
האָט שטיל און שטאָלץ באַרירט מיין האַרץ, מיין אויג, און ביסט אַוועק —
אַ שוואַרצער שוואַן האָט אָפּגעגליטשט צום נאַכטלעך-ווייטן ברעג.
ווער האָט געשיקט דיך, און ווער ביסטו, שוואַרצער קאַראַהילד?
אַ שטראָף? נקמה פאַר א זינד? צי גאָר אַ וואַנדל-בילד?
און האָט מיין ערשטער טאָג געגעבן בלויז דערפאַר אַ שיין
אַז דו, אָ, קאַראַהילד, זאָלסט קאָנען טריומפירן: „מיין”?

II.

איך גיי אין פינסטערניש, מיך פירט אַ לאַנגע לענטע קרעפּ,
אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ און טיפער אַלץ אויף ווינדל-טרעפּ.
און אונטן דאָרטן וואַרט — אַ גיריקע — מיין לעצטע שעה.
און דו, געביטערישע קאַראַהילד, ביסט דאָרטן דאָ.
דו וואַרטסט אין טונקלען קעלער, וואָס קריגט זיין אייגציקן שיין
פון דיינע אויגן, וועלכע וואַרטן איך זאָל זאָגן: „דיין"!
דו וואַרטסט געדולדיק, ציילסט די שאָטנס פון מיין יעדן טאָג,
און יעדן בליץ פון מיינע אויגן, מיין האַרצנס יעדן שלאָג.
און באַלד — בין איך דאָרט אונטן, איך און דו און קיינער מער.
פאַרשוואונדן גאָר די וועלט, קיין שיין, קיין קלאַנג קומט נישט אהער.
בלויז דו און איך, און איך אַזאַ ווי דו אַליין פאַרלאַנגסט,
בלויז דו און איך, און פון מיין זעל די טויטלעך-באַנגע אַנגסט,
בלויז דו און איך, דיין אויגן-בליץ, און ס'שלאָגן פון מיין האַרץ,
בלויז דו און איך, דיין אויג, מיין קלאַפּנד האַרץ און ווייטער — שוואַרץ.

צו דער, וואָס איך טאָר נישט ליבן

I

מיין הויט איז נישט שווארץ,
און איך קום נישט אַרויס — ווי קלאָד מעק־קיי — פון אפריקאנער שקלאַפן.
דער טעמפּער, בלייענער פּארקן פון ראַסע
טיילט מיך נישט אָפּ פון דיר מיט פארסמטע שטאַכעטן.
דאָך ליבן דיך טאָר איך נישט.
נישט נאָר דיר —
אפילו זיך אליין טאָר איך עס נישט זאָגן.

איך בין היינט געזעסן אין פּאַרק.
געציילט די אַראָפּגעפאלענע בלעטער פון א בוים,
אויף וועלכע מיין טעכטערל האט געזאגט:
„פּאַפּאַ, זעסט: אַ טויטער בוים".
איינס. צוויי. דריי. פינף. עלף.
פופצן. צוואנציק. ניין־און־צוואנציק.
דרייסיק.
האב איך זיך ווידער דערמאנט,
אז איך בין שוין אויף יענער זייט דרייסיק.
און אז עס איז שוין כמעט אַלץ — אַלץ איינס.
וואָס וואלט געווען,
ווען איך וואלט דיך באגעגנט מיט עטלעכע יאָר פריער,
און אין דיין אַלבאָם,
אונזער אַלבאָם,

וואָלטן געלעגן עטלעכע פארטריקנטע בלעטלעך
פון מיינע געשאָנקענע רויזן?
מיינע דרייסיק יאָר זאָגן מיר:
דאָס זעלבע.
„אַהין דער בלאַט פון לאָרבערן ציט,
אַהין דאָס רויזנבלעטל פליט".
אָ, קלוגע, ערפאַרענע יאָרן מיינע!

און דאָך קען איך שוין גוט די אוצאָרן פון דיינע גאַרדינען.
דאָך זיינען מיינע פּאַפּירען פול מיט שאַראַדן פון דיין נאָמען.
דאָך דאַכט זיך מיר אַלץ אויס,
אז אין דעם טייך פון צייט,
אויפן דעק פון דעם טייך פון צייט,
ליגט אַ צויבער־רינג,
וואס איז געווען פאר מיר באשטימט,
און וואָס איך האָב פארזען, פארזען.

ספּיראַלן און נעצן,
נעצן און ספּיראַלן.
געשריי פון אַ חיה, וואָס כאַפּט זיך צום טויזנטסטן מאָל, אז זי איז אין אַ שטייג.
קלוגשאפט פון דער געצאמטסטער חיה אויף דער ערד.
„פּאַפּאַ, זעסט, אַ טויטער בוים".

II

דו ביסט נישט אַזאַ,
ווי איך זע דיך טאָג נאָך טאָג.
איך ווייס: דו ביסט נישט ווי די,
צו וועלכער איך טו תּפילה
טאָג נאָך טאָג.
בלויז אין דער וויסטע פון מיין באַגער
ציטערן די וויאָלינען
פון דיין זעל,
ציטערן ריין און פור.
בלויז אין דעם זילבער־טייך פון מיין ווונטש און געבאָט
שוימט דער מאַרמאָר פון דיין לייב,
שוימט מיט צניעות,
מיט ווייסער באַגייסטערונג —
ריין און פור.

אין דיין שלאָף־צימער
ביים שפיגל,
הערסטו נישט מאַדאָננאַ־וויאָלינען,
נייערט סאַטיר־פייפלעך.
און דערטראָגט זיך צו דיר אַ וואַסער־פּליעסקן,
איז עס נישט דעם נזיר׳ס טייך,
נייערט דאָס באָד־צימער פון אַן אָדאַליסקע.

דאָך ביכטו די,
ווי דו ערשיינסט אין מיר.
איך וויל,
און דו מוזט פאָלגן.

פאַר זיך און פאַר מיר מוזטו זיין אַזא.
איך דאַרף דיך,
און איך בין געוואָרן דיין האַר.
אין מיין קיניגרייך מוז איך דיך האָבן אַלס געקרוינטע,
און אָן מיין קרוין ביסטו גאָרנישט.

עס איז געשען.

III.

איך האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען.
בלויז די וויבראַציעס פון מיין באַגער
האָבן דערטראָגן צו מיר דעם אַראָמאַט פון דיין גאָלדיקייט.
און עס איז מיר דערווייל גענוג.

אַ פלים-פלאַם ציטערט פאַר מיינע אויגן.
אין זיי — געל-גרינע רינגען —
ציקלירן, ציקלירן.
וויל איך דיך זען ?
אָ, איך געדענק ווי דיין בליק האָט זיך דאָס לעצטע מאָל געגליטשט איבער מיין פנים

און זיך אָפּגעשטעלט אויף מיינע אויגן.
האָסטו אויך געזען דאָרט דעם גרין-געלן צווייפל
ציקלירן אין אַ קאָנוואולסיוון געדריי?

קוק:
אַ גרויסע, מוסקולעזע, פלינקע און גלייכגילטיקע האַנט
זשאָנגלירט אין דער לופט מיט באַלימער.
אויף איינעם פון די באַלימער איז מייז נאָמען,
אויף א צווייטן — דיינער.
די האַנט זשאָנגלירט, וואַרפט זיי אין דער הויך,
איין באַלים העכער פאַרן צווייטן,
איינעם איבער דעם אַנדערן;
כאפּט זיי איינציקווייז צוריק —
און ווארפט זיי און שליידערט זיי ווידער.
פלוצלינג:
אונזערע ביידנס באלימער האָבן זיך באריר‏ט,
א ווײַלע בלויז,
און באלד ווידער צעפלויגן זיך אין פאַרשידענע זייטן.
און די האנט זשאָנגלירט און זשאָנגלירט,
און די באלימער פליען און פליען,
איינער העכער פון דעם צווייטן,
איינער איבער דעם אנדערן.

האָסט געזען?

איך הער נאָך דעם זאפטיקן, דורשטיקן קליק פון באריר.
פיינלעך געווערט נאָך דער ריץ פון דער שיידונג
אין מיין אויער.

פלים און פלאם, פלים און פלאם,
רינגען פון גאַל און מיין.
א עטיק פעלז פון מיין זיכערקייט האָט זיך אָפגעריסן
און איך פלי הינטערוויילעכץ מיט אים
אראָפּ.
די האנט זשאָנגלירט און זשאָנגלירט נאָך אלץ.
קליק און קליק, ריץ און ריץ.

יונגהאַרבסט.

העל ציינדן זיך דעם יונגהארבסטס, צארטע, גאָלדענע קופּאָלן.
פון מערבס פערלמוטער ווייט מיט שמאַכטיק־רייפן אראָמאט.
די גראָזן זיפצן לינד און מאט, מיט בענקשאפט פלאטערט צווייג און בלאט,
אום יעדן בוים־שפּיץ לייכטן יונגהארבסטס־באנגע אָרעאָלן.
די לייכטע וואָלקנס שטייען אויסגעהאקטע — מינארעטן אין באגדאד.
אָט גליטשן זיי זיך פוילע — וועגעציאנישע גאָנדאָלן.
דער הימל שפּרייט זיין זילבער־צער אויף יונגהארבסטס גאָלדנע שאָלן
און פאנגט מיין הארץ אין רייפן־קלעם פון מעלאנכאָלישן בראָקאט.

אין אָט דעם צויבער־רייך פון בלייכער רו און פאַרביקן פאַרפום
שפּרייז איך, מיין גאָלדענע, און רוף דיך שטיל און זוך דיך שטיל אַרום,

דו ביסט נישט האַרבסט־גאָלד; ביסט שפּעט־פרילינגס ליד, וואָס פרייט און
טוט דאָך ווי.

דער מאָרגנרייך פון מזרח; דער טאַנץ פון מערבס לעצטער אָוונט־פּעע.

וועגעדיג און באַגדאַד! אילוזיע מיין, אילוזיע פיינלעך־שיין,
איך בענק נאָך דיר מיט אַלע בענקשאַפטן פון יונגהאַרבסט און פאַרגיין.

גענאָרגיניעס

די רויטע געאָרגיניעס פון יונגן האַרבסט
פלאַמען מיט בלוטיקער בענקשאַפט,
פלאַמען,
און צינדן
מיין בענקשאַפט אָן.
פון דעם גרויסן געדיכטן רויטן קוסט
קוקט אַרויס אַ גאָלד־קעפּל,
געפּאַסט אין אַ גאָלד־אָוואַלענער ראַם.
גאָלד אין רויטן פלאַם,
און ערגעץ ווו אַ בלויער ים,
בלויער ים —
ווו?
בלויע אויגן קוקן אויף גאָלד און רויט,
זאַפּן אַלץ איין אין זיך,
לייזן אַלץ אויף אין זיך —
לייכט מיט זעליקייט דער בלויער ים.

רויטע געאָרגיניעס פון יונגן הארבסט.
קוסטעס רויטע ליפּן,
א ים רויטע ליפּן,
צעעפנטע, דורשטיקע, אַנגסטיקע, שמאַכטנדע.
רויטע דורשט פון יונגן האַרבסט,

בלויע בענקשאַפט פון יונגן האַרבסט.
רויטער פלאַם,
בלויער ים,
און פון אַלץ —
אין גאָלדענער ראַם —
שטראַלט אַ דורשטיק, שמאַכטיק, גאָלדן קעפל.

רויט, גאָלד און בלוי,
גאָלד, בלוי און רויט —
יונגהאַרבסט, מיין יונגהאַרבסט.
לעצטע, אַנגסטיקע דורשט
פון מיין אייגענעם פארביקן לאַנגזאַמען שטאַרבן.

VESPER

I

גאָלד־שנור אין גרויע כוואַליעס פון אַ ברייטן טייך.
גאָלד־שנור נידערט אַראָפּ אין גרויע כוואַליעס
טוקט זיך טיפער, זוכט זיך דאָרט אַליין,
ווערט צעבראָכן, גרוי צעפאַלן
און קוקט מיט בענקשאַפט אַרויף.
נישטאָ מער דער גאָלד־שנור
גרויקייט קנוילט זיך בלויז.
בלייערנער —
זיפץ.
גאָלד.
פליסיק גאָלד
אין גרויע כוואַליעס.
טיף און טיפער זינק איך נאָך דיר,
געצויגן פון דער פיין פון דיין שיינקייט,
פונם טרויער, וואָס שאָטנט פון יעדער שיינקייט.
זינק און וויים, אַז דו ביסט גאָר דאָרטן נישט דאָ,
זינק און זוך דיך, כאָטש דו ביסט דאָרט קיינמאָל נישט געווען.
זוך דאָס גאָלד, וואָס איז מיר נישט באַשערט געווען מער צו האָבן.

קיינמאָל נישט באַשערט.
(יאָהאַן וואָלפגאַנג פאָן געטהע..
הענריק איבסען.
וואויל דעם, וואָס זוכט דאָס, וואָס נישטאָ מער.
ווי דעם, וואָס קען נישט זאָגן: ס'איז פאַרגאַנגען.)

II

וואַרטן.
וואַרטן.
וואַרטן.
איך האָב נישט קיין גאָט און קיין געץ.
איך בין אָן ליבשאַפט און אָן אוצרות.
אָבער מיין האַרץ איז פול מיט תפילות.
קני איך,
בוק איך זיך,
און בעט:
וואַרטן.
וואַרטן.
וואַרטן —
אויף דיר.

דו וועסט נישט קומען.
הויכע בערג.
טיפע טהומען.
דיין גאָלדיקייט,
דיין פלאַטערנדער באַגער,
צעשפליטערן זיך אָן זיי
אין שפּרלאָזן שפריי.

אָבער ווען דו וואָלסט!

בעאַטריטשע

דאָ אין מיין קלויסטער־צעל.
אַ שווערע אייזערנע טיר שיידט מיך אָפּ פון דער וועלט,
און פאַרשטעלט דעם געפילדער פון איר ליכט און פאַרבן.
שטיל איז דאָ.
אין שטילער איינזאַמקייט קאָן איך זיך אָפּגעבן מיינע תפילות.

דורך דעם קליינעם, הויכן, פירעקיקן פענסטערל פון מיין צעל
שלאָגט אמאָל אַריין אַ בלאָע וועל פון הימל.
לאָקט מיך די פאַרב,
רופט מיך די נייגיריקע ווייט,
און איך קריג רחמנות אויף מיין פאַרשפאַרטקייט און אויף מיר.
דורך דעם קליינעם, הויכן פענסטערל פון מיין צעל
שלאָגט אמאָל אַריין אַ גאָלדענע וועל פון ליכט.
קערט זיך מיין געזיכט מיט בענקשאַפט צו איר,
און שווער ווערט מיר די ענגשאַפט פון דער צעל,
און שווער דאָס אייזן פון דער טיר.
איך וויל אַרויסלויפן.
זיך לאָזן מיט דעם רוישיקן וואַל—מיט דעם דרויסיקן טייך פון שוים.

מיין הויך, כיטרע פענסטערל שפּילט זיך מיט מיר.
טרייבט שפּאַס מיט מיר.
וויל אַ לאַך טאָן מיט מיר.

לאַך איך מיט מײַן אײנזאַמען, שטילן געלעכטער,
און קוק מער נישט אַרויף אין דער הויך.
אין דער שאָטנדיקער שטיל פון מײַן צעל,
אין אירע טונקעלע ווינקלען,
איז אַלץ, וואָס איך וויל.
אין דעם מאַטן שפּיל פון די אויגן, גלאַטע ווענט
ברענט פרײדיק אויף דער העלער פאַרבן־כאָר
פון מײַן באַגער.
דאָ ווערט ער ערפילט.
דאָ ווערט געשטילט אַל מײַן ווערן.
אַל מײַן פרעגן קריגט דעם באַשייד,
וואָס שטראַלט אנטקעגן אין העלן, זעליקן קלייד —
שטראַלט —
און האַלט מיך אויף די לויטערע שטעגן
פון שטילער פרייד און טרייסטנדער רויקייט.

ב ע אַ ט ר י ט ש ע ! ב ע אַ ט ר י ט ש ע .

דאָס געזאַנג פון די פישערס
וואָס האָבן געפונען
דאָס גאָלדענע פישל
און
עס
באַלד ווידער
פאַרלוירן

מיר האָבן עס נישט געזוכט,
ווען מיר האָבן עס געפונען.
און ווען מיר האָבן עס געפונען,
האָבן מיר געוווסט, אַז מיר האָבן עס שטענדיק געזוכט.
אָבער מיר האָבן עס באַלד פאַרלוירן.
ווי צו אונזערע טעג, ווי צו אונזערע יאָרן.

דער זון-פאַרגאַנג
האָט מיט רויט-און-גאָלדענע פאָרהאַנגען
דעם הימל באַהאָנגען,
ווען מיר האָבן געפאַנגען דאָס גאָלדענע פישל.
דער זון-פאַרגאַנג האָט געצונדן מיט גאָלדיקן פלאַם
יעדן קאַם
פון איטלעכער כוואַליע אין ים,
ווען אין אונזער נעץ

האָט זיך דאָס פישל באַוויזן,
אונזער פישל,
(כאָטש מיר האָבן נישט ג[redacted],
אונזער פישל,
(כאָטש מיר האָבן נישט געמאָנט).

דאָס פישל האָט נישט גערעדט,
דאָס פישל האָט געשוויגן.
בלויז געבליצט מיט דעם גאָלד, געבליצט און געבליצט.
געשוויגן —
ווי אונזערע באַגערן ביז איצט,
ווי עס וועלן שווייגן אונזערע טעג און נעכט פון איצט,
און ווייטער.

די גאָלדיקע בליצן פון דעם גאָלדענעם פישל,
אָ, גאָלדיקער שמייכל פון אונזערע פאַרלאַנגען.
ווי העל זענט איר געקומען, ווי שנעל זענט איר פאַרגאַנגען,
און מיטגענומען אונזער שמייכל,
און מיטגענומען אונזער פרייד,
און איבערגעלאָזט אונז אויף דעם סומנעם באַנגן ברעג פון דער נאַכט.
מיר האָבן אַלץ געפונען, ווען מיר האָבן אַלץ פאַרלוירן.
ווי צו אונזערע טעג, ווי צו אונזערע יאָרן.

אויפן פלאַך פון דעם וואַסער קרייזלען זיך נאָך די קרייזן,
וואָס דאָס פישל האָט געמאַכט אין זיין שפרונג.
נאָך אַ שלונג —

און דער לעצטער שאָטן וועט זיי פאַרצערן.
זיי וועלן נישט ווערן.
זיי זענען נישט מער,
נישט מער.
ווייל געקומען איז שוין די לאַנגע נאַכט,
וואָס וועט הייסן:
דאָס גאָלדענע פישל, געפונען און פאַרלוירן.
ווי צו אונזערע טעג, ווי צו אונזערע יאָרן.

ברידער! ווי האָבן מיר געלעבט ביז איצט
אָן דעם גאָלדענעם פישל?
ברידער! ווי וועלן מיר לעבן ווייטער
אָן דעם גאָלד פון דעם פישל?

איך בין דער האַר

איך בין דער האַר.

האָב איך גענומען שטויב פון ליים און געזאָגט:
ס'איז גאָלד־שטויב.
האָב איך גענומען דעם גאָלד־שטויב, אים געקנאָטן און געפורעמט, און געזאָגט:
ס'איז אַ שיינענדע געשטאַלט.
האָב איך גענומען דאָס שיינענדע געשטאַלט
און עס געשטעלט אויף אַ פּיעדעסטאַל —
אויפן העכסטן פּלאַץ אין דעם זאַל פון מיין טראָן.
און איך האָב זיך געבוקט צו דעם געשטאַלט
און געזאָגט:
מיין גאָט! מיין גאָט! —
האָט דאָס געשטאַלט געפאָלגט מיין געבאָט
און געווען, ווי איך האָב געוואָלט:
מיין גאָט. מיין גאָט.
האָב איך אין אַ רגע פון אַ קאַפּריז
אנדערש פאַרוואָלט.
האָב איך געזאָגט:
נישט קיין גאָלד — ליים,
נישט קיין שיינענדע געשטאַלט — שטויב.
און דער וואונדער איז צוריקגעוואָרן ליים פון ליים און שטויב פון שטויב.

און כאָטש אין דומפּע נעכט
שריי איך און וואָיע ביי דעם ליידיקן אָרט אין מיין טראָן-זאַל;
און כאָטש אין הילכיקע טעג
פאַרשעלט איך דעם אָנהויב און דעם סוף פון מיין קאַפּריז, —
זאָג איך דאָך:
עס איז, עס איז
גאַנץ אַזוי.

איך בין דער האַר.

דאָס ליד פון געלן וואַנזין

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמאַ)

יאָמערנדע קינדער, יידישע קינדער,
(ווייך און ווייס בלאַנקען צוגעגרייטע בעטן)
געשאָכטענע קינדער, יידישע קינדער,
(לייבער פלעכטן זיך, האַלזן און גלעטן).

פאַראומרייִנטע פרויען, אונזערע פרויען,
(קינדער פּאַטשן פריידיק אין די הענטלעך),
פאַראומערטע פרויען, אונזערע פרויען,
(עלטערן קויפן געבורטסטאָג־פּרעזענטן).

אין פּוילן, אוקראַיִנע און רייסן,
(גרינע אויגן פון וואָיענדע וועלף אין דער נאַכט),
אין לאַנד פון וואָלעך, אין לאַנד פון מאַגיאַר, אין לאַנד פון טשעך,
(געלע שרפות אין האַרץ פון דער נאַכט).

קיאַ — הו — הע! דער געלער וואַנזין גייט,
דער געלער וואנזין שפּאַנט,
און צעשלאַנגט זיך אין אַ בויך־טאַנץ מיט דער אויפגעבליצטער קלאָרקייט,
וואָס האָט זיך פּלוצים צעלאכט
מיט א קריידיקן לאך.
און דער לאך טראָגט זיך פּאַנאַנדער

איבער לענדער און וועגן,
איבער דערפער און שטעט,
איבער בוידעמער און קעלערן:
קיאַ — הו — האַו! קיאַ — הו — האַו!
צו וואָס און צו ווען?
פאַר וואָס און פאר ווען?

און עס ווירבלט דער ווילדער, משוגענער טאַנץ
און דרייט אונז,
און ציט אונז
און פירט אונז אלע:
מענער, פרויען און קינדער,
זקנים און בחורים,
יונגפרויען און מאמעס
ארויס אין מארק!
דאָרט טאַנצן מיר.
טאַנצן, ווי זונות וואָס האָבן זייערע נשמות צום וואַנזין פארפאַכט,
ווי זונות, וואס זעען דורך זייער שגעון —
בליציק-העל, שניידיק-קלאָר —
די האַק און די שטריק און דעם טייך.
מיר טאַנצן.
און לאַכן.
און פליעסקען אין די הענט.
דער געלער וואַנזין בייטשט אונז אונטער:

מיט סטאַרטשענדע אויגן,
מיט הענט, צום הימל געשטייפטע ווי תּליות,
מיט קרעכצן פון מאמעס און טאטעס,
מיט שלוכצן פון יונגפרויען,
מיט יאָמערן פון קינדער

מיר טאנצן.
און הויבן אַלץ העכער די פיס.
און פארוואַרפן אַלץ מערער די קעפּ.
און שטעקן אויס די העלזער,
און שרייען אלע אויס,
אלע מיט איין קול:
שעכט אונז!
שעכט אונז אַלע מיט אַמאָל!
זאָל אייער דורשט געשטילט ווערן.
זאָל אייער הונגער געזעטיקט ווערן.
זאָל אייער תּאוה פאַרפולט ווערן.

קיאַ — הו — הע! דער געלער וואַנזין גייט,
דער געלער וואַנזין שפּאַנט,
און צעשלאַנגט זיך אין אַ טאַנץ מיט דער בליציקער קלאָרקייט,
וואס האט זיך פּלוצים צעלאַכט
מיט אַ קריידיקן לאַך.

„גאולה"

איך בין געשטאַנען אויף דעם רוישיקן סקווער פון דער רוישיקער מעטראָפּאָליע.

און אין דעם רויש פון דעם רויש,
און איבער אים,
האָב איך געהערט דאָס וואָרט.
און דאָס, וואָס האָט גלוסטיק געוואַכט טיף אין מיינע בלוטן,
און דאָס, וואָס האָט דורות-לאַנג געשמאַכט און געמאָנט,
איז פריידיק אַנטקעגנגעשפּרונגען דעם וואָרט,
און אויפגעגאַנגען אין האַרץ מיט לויטער ליכט.
און פאַר מיינע אויגן האָט זיך צעשפּרייט
אַ ברייטער וועג,
און איך בין אויף אים געשטאַנען נישט אַ טאָג, נאָר טעג,
און איך האָב נישט געזען קיין סקווער,
און מיין געהער האָט נישט פאַרנומען מער קיין רוישן.
דאָס אויפגעגאַנגענע ליכט אין מיר האָט בלויז געבליצט,
און געשפּריצט פונקען העלקייט
אויף דעם וועג פון לויטער גאָלד.

פּלוצים האָט אין דער טיף פון גאָלד
זיך באַוויזן אַ פּינטל,
און דער אָטעם פון אַ קאַלט ווינטל האָט גענומען קילן מיין שטערן,
און דאָס פּינטל איז געוואַקסן,

און גענענט צו מיר.
און איך האָב דערזען — אַ געטויטן ייד.
עס איז געווען — אויגן בלויז,
וואָס האָבן געשפּיזט אַרויס,
ארויס — און אריין
צו מיר אין הארץ.
עפּעס געפרעגט און געמאָנט האָבן די אויגן,
און איך האָב געמאָסטן און געוויגן, און קיין ענטפער ניט געוווּסט.
האָב איך מיינע אויגן אָפּגעווענדט
און געפילט די קאַלטקייט פון דער לעצטער ענד.

און ווען איך האָב מיינע אויגן ווידער אויפגעהויבן,
האָב איך דערזען אַ מנין טויטע יידן.
און אַלע — אויגן בלויז,
וואס האָבן געשפּיזט ארויס,
ארויס — און אריין
צו מיר אין הארץ,
און געשטאָכן און געשטאָכן
נישט א טאָג, און נישט טעג, נאָר וואָכן, וואָכן לאנגע.
האָב איך מיינע אויגן ווידער אָפּגעקערט
און געפילט די שווערקייט פון טויזנט קברים ערד.
און ווען איך האָב מיינע אויגן ווידער אויפגעעפנט,
האָב איך געזען גאנצע מחנות.
מחנות נאָך מחנות טויטע יידן

זייבען געקומען און פארשוווּמען דעם וועג פון גאָלד,
און דאָס גאָלד פון מיין הארץ.
מחנות אויגן,
מחנות טויטע, אויסגעלאָשענע אויגן —
מחנות אייביק לעבעדיקע, אייביק ברענענדיקע
יידישע אויגן.

און דורכגעשטאָכן איז געוואָרן מיין האַרץ,
און אויסגעלאָשן דאס ליכט
און מיין זעל — שווארץ אין שווער און לער,
און איך בין ווידער געשטאַנען אויפן סקווער,
און מיין געהער האָט ווידער פאַרנומען דעם רויש.
רויש.
רויש.
רויש.
און דאָס וואָרט איז מער נישט געווען דאָס וואָרט.
דריי זילבן בלויז,
וואָס האָבן געקלימפערט ארויס,
ארויס פון רויש,
ארויס — און אריין
צו מיר אין האַרץ,
און אָפּגעקלונגען ווי קלאָונענגלעקלעך
אין דער פוסטקייט פון דער וועלט,
אין דער לערקייט פון מיין זעל.

ווייס און גאָלד

טריף-טריף-טריף.
יידיש בלוט.
לעמבערג, קעלץ,
זשיטאָמיר, בערדיטשעוו, באָהוסלאַוו,
פראָסקוראָוו,
פראָסקוראָוו! פראָסקוראָוו!
פאַסטאָוו, נאָוואָגראַד-וואָלינסק, אומאַן.
אָן צאָל, אָן נאָמען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

מחנות וואַנדערנדע בעדוינער לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַ לאַנד
יעהויוואָ—הו! יעהויוואָ—הו!
עפענען זיך נאָזלעכער ברייט און דאָרשטיק,
בליצן שווערדן שאַרף און דאָרשטיק.
פלאַטערן ווייסע הילעס.
ברענען שטעט.
רויכערן זיך דערפער.
פאַלן ווענט.
ברעכן פעסטונגען צוזאַמען.
קיין איינער פון שונא טאָר נישט בלייבן לעבן.
נישט קיין מאַן, נישט קיין פרוי, נישט קיין קינד,

אַפילו נישט קיין רינד אין פעלד,
אפילו נישט קיין חיה אין נאָרע.
דאָס לאַנד מוז פאַרטיליקט ווערן אין גאנצן.
האָט איינער רחמנות אויף אַ פיינדלעכן פירשט,
ווערט ער פאַרשניטן.
ווערט זיין געביין אָפּגעמעקט אין ישראל.
יעהויוואָ—הו! יעהויוואָ—הו!
קריגער-בלוט.
זיגער-בלוט.
עראָבערער-בלוט.
(אוי, איר, שטיינער פון בערדיטשעוו און פראָסקוראָוו,
אוי, איר, פליינען און שליאַכן פון אוקראַינע.)

גאָט!
דעם מדברס גזר איז: איין און איין.
דער מדבר אָטעמט: א—ח—ד...
די זון גייט אַלע טאָג אויף אין מזרח און פאַרגייט אין מערב.
די שטערן פינקלען שטענדיק אויף דעם זעלבן אָרט זייער ליכט-געזאַנג.
דער ווינט אָטעמט דאָ מיט פאַרוויסטונג, דאָ מיט זוימען פון אַ ניי לעבן —
אַלע מאָל אין דער זעלבער צייט, פון דער זעלבער זייט.
דאָס לעבן פון דעם שטאַם —
אַ פייערל, וואָס גייט אויף און פאַרגייט, גייט אויף און פאַרגייט.
פאַראַן איין בעל-הבית.
איין יעהויוואָ.

איין האַר.
דו ביסט מיין פאָלק, איך — דיין גאָט.
וויל איך — לעבסטו.
וויל איך — ווערסטו, ווי דער הייסער זאַמד פון מדבר.
האָסטו אַ לאַנד ערבעראָט, איז דאָס מיין ווילן געווען,
מיין קאַפּריז,
מיין אויסגעטראַכטער חלום.
דו ביסט מיין קנעכט.
בלעזלעך פון מיין אָטעם.
אָטעם מיט — און דו וועסט לעבן.
וואָס איז דאָס לעבן ?
ווי אַזוי קאָן מען לעבן ?
שונאים פון אַלע זייטן.
דונער און בליצן.
שטורעמס.
דער מדבר שטרעקט גיריק זיין פאַרטריקנטע צונג אַרויס,
און פאַרמעסט זיך מיט די זאַמדיקע, באַנעגלטע לאַפּעס.
די שכנים שלייפן די שווערדן,
און שפּאַנען די קריג-וועגענער
פאַרניכטונג פון מערב,
צעשטערונג פון צפון,
סכנות פון דרום,
צו מזרח — אַ וואַנט !

גערעכטיקייט!

גערעכטיקייט איז דער ווילן פון יהוה,
און איר דאַרפט זיין די שטאַפּעטן פון זיין ווילן.
אוי, איר, זינדיקער!
פאַלש — אייערע וועגן.
ווער דאַרף אייערע אָפּער און בראַנד־אָפּער —
אש פאַר דעם ווינט?

אין דעם האַרץ פון דעם מענטש נעסט זיך אַ פונק,
גייט עס אויף מיט שאַרלעך־פלאַמען,
ווערט עס אַ שׂרפה, וואָס ברענט און פאַרברענט, צינדט און פאַרלענדט.
לעשט די שׂרפה מיט אַן אַנדער פייער,
אַ ווייסן.
יהוה האָט עס פאַר אייך באַשטימט.
פאַרלענדט די רויטקייט מיט די שטראָמען, וואָס זיינען געלייטערט ווי דער טאַנץ פון וואַסערפאַל,

און איר וועט לעבן.
קענען לעבן.
וויסן ווי צו לעבן.

גערעכטיקייט!

טרוימט פון אַ צייט, ווען שעפּסן וועלן לעבן בשלום מיט אַ לייב,
טרוימט פון אַ וועלט פון פרידן און פון צדק.
נביאים בלוט.

דיכטער-בלוט.
וועלט-פאַרזאָרגער-בלוט.
(וויי צו דיר, וועלט).

*

איך, נבוכדנצר, קיניג פון בבל.
די פרינצן פון אַלע פיר עקן וועלט
צאָלן מיר מס.
בויגן זייערע קעפּ, אַז איך זאָל מיין פוס אויף זייערע נאַקנס שטעלן.
זיי בויען מיינע פּאַלאַצן.
זיי פירן מיינע רייטוועגענער.
זיי האַקן אויף שטיין אויס מיינע העלדישע טאַטן.
איז אַ לאַנד ווידערשפּעניק צו מיר,
גיי איך אַריין אין דעם לאַנד —
און ווען איך גיי אַרויס,
בלייבט נישט קיין פרייער,
אָדער עס בלייבט נישט קיין לעבעדיקער.
וויי צו דיר, יהודה,
וואָס דו האָסט מיין צאָרן דערצאָרנט.
איך, דער גרויסער קיניג פון בבל, גיי אויף דיר;

טאָפּען פון פערדישע פיס.
שמעטערן פון געפּאַנצערטע אייזנוועגענער.
שטויב און רויך, שטויב און רויך.
יהוה--הוי

יהוה—אַהאָ! אַהאָ. אַהאָ. אַהאָ.
דאָס לאנד מיטן וואָרצל אויפגעריסן.
די פירשטן און פירשטן-קינדער אויסגעשלאַכט.
דעם קיניג — די אויגן אויסגעשטאָכן,
און אין קייטן מיט שפּאָט געפירט.
דאָס פאָלק באַשפּיגן און פון דעם לאַנד געטריבן:
צו בויען דעם גרויסן קיניגס פּאַלאַצן,
צו פירן זיינע רייטוועגענער,
אויסצוהאַקן אין שטיין זיינע גרויסע העלדנטאַטן.

*

ווען מיר פאַרגעסן אָן ציון?
ווען מיר זינגען ציונס לידער ביי פרעמדע טייכן?
זאָל אונז דאָס ליכט אין די אויגן אויסגעלאָשן ווערן!
זאָל אונז די קעל איינשרומפּן.
עקשנות!
בלייבן לעבן!

דער שונא וויל דאָס ליכט פון די אויגן פאַרטונקלען
מיט פרעמדער מאַכט און פּראַכט:
מיט גראַניט און אייזערנע פעסטונגען,
מיט הימל-גרייכנדע טורמען,
מיט געשניצטע פּאָרטאַלן,
מיט אַלבאַסטערנע, געפליגלטע לייבן,
מיט מאַרמאָרנע קאָלאָנאַדן.

מיט רעגנבויגן־פאַרביקע טעפּיכער,
מיט מאַנטלען פון פּורפּור און גאָלד,
מיט דער שיינקייט פון זונות.
אָבער דאָס אויג זעט בלויז די בערג פון יהודה,
דעם טאָל פון שרון.
דעם טעמפּל פון יהוה.

דער שונא וויל דאָס אויער פאַרהילכן,
מיט דעם לויב צום גרויסן קיניג,
מיט די שאַלן פון טראָמפּייטן,
מיט דעם שמעטערן פון די פּויקן,
מיט די גלעקלעך אויף די פיס פון די טאַנצנדע זונות.
אָבער דאָס אויער הערט בלויז דעם רויש פון דעם ירדן,
דאָס געזאַנג פון די לויים.

דער שונא וויל דאָס האַרץ פאַרפירן
מיט רייכע מתּנות,
מיט קיניגלעכע מאָלצייטן,
מיט די געצן און מיט דער זינד פון בבל.
אָבער דאָס האַרץ איז מיט אַ שטיינערנער וואַנט באַפּאַנצערט.
הינטער דער וואַנט
גליט אַ בענקשאַפט,
גליט און דערוואַרעמט,
גליט און שטאַרקט,
גליט און באַגייסטערט.

פערציק טויזנט גייען צוריק!
הוי, איר וואַלן פון ירדן,
הוי, דו טאָל פון שרון,
פערציק טויזנט קומען צוריק —
אויס בענקשאַפט צו אייך,
און אויס עקשנות.
בויען צוריק די חורבות,
שלאָגן זיך און זיגן,
שלאָגן זיך און פאַלן —
מיט עקשנות.

*

וואָס איז דאָס לעבן?
צו וואָס איז דאָס לעבן?
אַלץ וואָס איז דאָ,
איז געווען,
און אַלץ וואָס וועט זיין,
איז נישט כדאי.
אלץ איז אַ טעות.
אַ טעות פון אַ קאַפּריז.
און מיר — די בלעזלעך פון טעות,
דער שוים פון קאַפּריז.
וואָס איז דאָס לעבן?
צו וואָס איז דאָס לעבן?

דערלייזונג!
ערגעץ הענגט זי אויף קייטן,
אויף פעלזן,
איבער אָפּגרונטן.
אָבער זי וועט זיין!
מוז זי נישט זיין?
זי מוז!

וואָרהאַפטיק זאָג איך אייך:
איך בין אין גאָט און גאָט איז אין מיר,
און איר זענט אין מיר, און איך בין אין אייך.
און די פרייד איז אין מיר, און די דערלייזונג — אין מיר.
איך וועל זי אייך ברענגען.
וואָרהאַפטיק זאָג איך אייך:
איר האָט געזינדיגט, אָבער איר זענט נישט שולדיק.
קיינער איז נישט שולדיק,
קיין בן־אדם איז קיינמאָל נישט שולדיק.
אָבער די זינד איז דאָ, ווי עס איז דאָ דער געשריי פון שאַקאַל.
און די זינד מוז מען אויסקויפן,
ווי ס'מוז געזעטיקט ווערן דער געשריי פון שאַקאַל.
איך נעם אויף זיך אייערע זינד.
איך קום אָפּ פאַר אייערע זינד.
מיין בלוט, וואָס רינט פון די נעגל־לעכער,
מיין שאַנד און מיין לעסטערונג —

אַלץ פאַר אייך.
און וואָרהאַפּטיק זאָג איך אייך:
עס וועט קומען דער טאָג,
און דאָס קיניגרייך פון הימל וועט זיין אויף דער ערד,
און דער געשריי פון שאַקאַל וועט געשטילט ווערן,
און דער ברום פון יונגן טיגער -- ~~געשטיקט~~ [illegible].
און איר וועט דערלייזט ווערן.
וואָרהאַפּטיק זאָג איך אייך.

טרוים פון טרוימען!
מענטשלעכסטער טרוים!
געטלעכסטער טרוים.
דערלייזער-בלוט.
בלוט, וואָס פליסט צו שטילן דורשט,
צו זענפטיקן און ווייך צו מאַכן דעם געשריי פון שאַקאַל.
שמעון בן גיורא.
יוחנן מגוש חלב.
לעגיאָנען, צענטוריאָנען, טיטוס.
זיינען די שפּיזן גרייט? זיינען שטארק די פיס ביי די פערד?
טראַ—טאַ—טאַ! טראַ—טאַ—טאַ!
הונגער.
מאַמעס עסן זייערע קינדער.
דורכגעלעכערט די ערשטע וואַנט!
זייט קלוג—גיט זיך אונטער!

זייט מוטיק — קעמפט!
ביזן לעצטן מאַן.
ביזן לעצטן קנאי.

שרפות.
דער טעמפל ברענט.
פערד־גאַלאָפּ.
אַ שטעכיקער, טויטלעכער וואַלד פון שפּיזן.
וויקטאָריאַ! וויקטאָריא!
מאַכט זיך פריילעך לעגיאָנערן!
צעטראָטענע קינדער.
דערשטאָכענע זקנים.
אין קייטן געשמידטע, געלעסטערטע גבורים.
קנאים־בלוט.
בלוט, וואָס האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די פיר ווינטן פון דער וועלט.
נישט צו רוען און —
צו לעבן.

*

אינקוויזיציע.
שייטער־הויפנס.
מעוברתע ווייבער, ביי וועלכע עס פּלאַצן די בייכער און דאָס מפּיל
פאַלט ארויס.

הײליקע
~~לײדיקער~~ פּאָטער:
איז די פּרוכט אויף דעם טײוועלס!
װאַרפט עס אַרײַן אין פײער.
װאַרפט עס אַרײַן!
געריך פון סמאַליענדן בלוט.
אויפגעפּראַלטע גלחישע נאָזלעכער.
בליצנדע אויגן פון דאַגען און דאַנאס.
בראַװאָ-קלעפּ פון המון.
הירזשען פון המון.
אזוי! אזוי!
אזוי קומט זײ די פאַרפלוכטע!
שמע ישראל!
מאַרטירער-בלוט.
הײליק בלוט, װאָס פאָדערט און מאָנט,
און האָט אַ בונד מיט די פיר װינטן פון דער ערד.
עקשנות!
לעבן!
אַ פלאַנץ מיט קורצע װאָרצלען איבער דער גאַנצער פלאַך פון דער ערד
און לעבן!

געלט.
רײַכקײט.
עקשנות דורכן קלונג פון דוקאַטן און גולדנס.

בויגן זיך אין דרייען פֿאַר אַ שטורעם,
און אויפֿהויבן זיך.
ניקאָלאַי דאָנין.
פּעפּערקאָרן.
וואָרמס, מאַינץ, פּראַג.
האַידאַמאַטשינע.
אויך: באָהוסלאַוו, דראַזשנע, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו.
הונט!
אונטערטעניק בלוט.
הינטיש בלוט.

אָבער פֿון דעם האַרץ פֿון די קליינע, רויטע טראָפּן שטייגן
בלישטשענדע, בלענדנדע זיילן פֿון ליכטיקן גאָלד —
דערלייזונג!
און פֿון די ברעגן פֿון די קליינע טראָפּן שפּרייטן זיך ווייסע
קלאָרע שליאַכן —
גערעכטיקייט!
דערלייזונג און גערעכטיקייט!

*

פֿייער פֿון אַלע זייטן.
גערעכטיקייט!
ארויס מיט דעם ים פֿון די ברעגן!
איבערקערן די הייזער!

איבערדרייען אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ.
רייסט מיר דעם גאַנצן וואַלד מיט די וואָרצלען אויס.
בערג, ארויס פון די גרונטן.
טייכן, פארלאָזט אייערע בעטן.
צעשמעלצט מיר אַלע אייזנס אין איין לאווא.
זאָלן פליסן די שרפות,
זאָל ברענען,
זאָל ברענען,
דערלייזונג.

טריף.
זאָל !
וואָרים פון אונטער די שרפות שטייגט א בלישטשענדער זייל
פון ליכטיקן גאָלד.
וואָרים פון אונטער דער לאווא
בעטן זיך קלאָרע, ברייטע שליאַכן
פון ווייסקייט.

*

עקשנות.
אויפן שארף פון מיין עקשנות — האס.
אין אָפּגרונט פון מיין טריף-טריף — נקמה.
געל איז דער האס,
רויט — די נקמה,

ווייס — די גערעכטיקייט,
די דערלייזונג איז גאָלדיק.
ווייס און גאָלדיק, קינד מיינס,
ווייס און גאָלדיק, קינד.
דרייען זיך רעדער פאר מיר:
געל און רויט,
ווייס און גאָלד.
געל, גאָלד, ווייס, רויט; געל, רויט, ווייס, גאָלד.
שלעפּן מיך די רעדער,
און איך ווייס נישט וווּ אריין, וווּ ארויס.

רויטקייט און געלקייט — די הינט!
מיר — גאָלד און ווייסקייט.

* * [illegible]
~~[illegible]~~ — זי גייט מיט צעפלאָסענע גאָלדיקע לאָקן,
מיט ערלעכקייט אין איר לייכטענדן בליק.
שטרעקט זי אויס די האַנט,
ווערט לייכט אזוי,
גליטשט זיך פון האַרץ דאָס בליי אראָפּ,
און אָפן ווערט דער וועג,
און ברייט די וועלט,
און אלץ איז קלאָר,
און אלץ — דערגרייכבאַר.
ווילסט די זון?

נאַ!
ווילסט דאָס טעלערל פון הימל?
נאַ!

אונטער איר — דער ווייסער אַלטער.
ווייס די באָרד,
דער שטערן.
ווייס דער ליכטיקער בליק.
קומען שטאַרקע מענער און קוקן אים אין די אויגן,
וואַרטן אויף דעם גוסן אייל, וואָס פליסט פון זיינע ליפּצן.
און ער זאָגט.
ווערט אַלץ ליב.
ווערט אַלץ זעלבסטפאַרשטענדליך.

ברידער!
ברידער!

*

אַלע בלוטן אין מיר...

בלינדע!
זעט איר נישט ווי עס שטראָמען די צונטערנע שטראָמען
פון אומצייליקע וווּנדן ביי מיר?
אָ, פאַרבלענדטע!
אָ, אָרעמע!

איר טאָרט נישט, איר דאַרפט נישט זען.
די ווייסע מלאכים, וועלכע שטייען מיט גאָלדענע בעכערס,
און קלייבן אלע שטראָמען,
נישט א טראָפן דורכצולאָזן,
נישט אַ ~~צעמענטל~~ טראָפן צו פאַרגיסן —
זיי טאָרן אויך נישט זען.
זיי קערן אָפ די קעפ
און האָבן נאָך אַלץ מורא.
פאַרשטעלן זיי זיך די אויגן.
[illegible] קלייבן,
און קלייבן,
נישט אַ טראָפן דורכצולאָזן,
נישט אַ צענטל טראָפן צו פאַרגיסן.
עס איז הייליק, הייליק.

און איך בין רויק.
קאַרג — מיינע רייד.
ווייל דאָס וואָרט וואַרט און וואַרט
אין אָפגרונט פון מיין זעל.
זאָלן אַלע שטראָמען פון מיינע ווונדן זיך אויסליידיקן,
זאָלן אַלע גאָלדענע בעכערס פול ווערן.
דאַן — וועלן הילכיק ווערן מיינע רייד,
דאַן ערשט וועט דאָס וואָרט פון זיין נעסט זיך באַפרייען.

מיין גאָלד-האָריקע און זון-אויגיקע,
מיין ווייס-באָרדיקער און העל-בליקנדער.
איר דאַרפט נישט קיין טויבקייט פאר אייערע אויערן,
איר דארפט נישט קיין אייזנפאַנצערס פאַר אייערע הערצער.
רויק הערט איר:
טריף.
געלאַסן קוקט איר פאָרויס,
און קאַרג-ריידיק זענט איר.
איר וואַרט מיט מיר
ביז די צייט וועט קומען,
ביז די שעה וועט שלאָגן.

די מעשה פון די הונדערט

...אין יענעם טאָג איז אויף דער וועלט אַרויס אַ געלע משוגענע זון
און די ערד געברענט מיט געלן בראַנד.
אין יענעם טאָג האָט אַ הייסער גלייכגילטיקער הימל
געגלאָצט מיט שטאַרער היץ אויף דער ערד,
און אויף די גראָזן,
און אויף די ברואים,
און אויף די מענטשן.
אין יענעם טאָג איז דאָס בלוט פון די מענטשן
געוואָרן סם.
און מיט דעם קופּערנעם ים פון אויבן
זיך אויסגעמישט.
און די גאַנצע וועלט,
די צעהיצטע געלע וועלט,
האָט געצישט, געצישט,
ווי אַ גרויסער שלאַנג פאַרן פאַנג.

און געגאָסן האָט זיך דער צאָרן איבער שטעט און דערפער,
און געשיקט האָט דער בראַנד זיין פלאַקער
אין הייזער און שטיבער,
אויף בערג און טאָלן און אין גריבער,
און געגרייכט ביזן האַרץ פון אונטערן העמד.
און די וועלט האָט אָפּגעשיילט איר הויט

און זיך צעטיילט אין צוויי:
אייגן — פרעמד.

און נישט געווען מער קיין רחמנות אויף דער וועלט,
און פארשרפעט איז געוואָרן דאָס גוטסקייט פון דער וועלט,
און אויסגעטריקנט איז געוואָרן דער זין פון דער וועלט.
אין יענעם טאָג זיינען מער נישט געווען קיין מענטשן.
בלויז שטאַרקע און שוואַכע.
און די שטאַרקע האָבן געגעסן און געטרונקען
די שוואַכע.

* * *

און אין יענעם טאָג,
אין אָוונט פון יענעם טאָג,
איז געפאַלן דער גורל.
דער באַשייד פון די הונדערט.
דער גרויסער באשייד
פון די הונדערט איבערגעבליבענע שוואַכע,
נישט אויפגעגעסענע,
אַנטרונענע.

אָ הייליקע!
אָ הייליקע!

זיי זיינען פון שוואַכע
געוואָרן שטאַרק, די הונדערט.
צום העכסטן באַרג פון גבורה —
פון דעם טיפסטן תּהום פון שפלות —
אַרויפגעקלעטערט.
און צעשמעטערט זייער שוואכקייט.
אליין, אַליין,
אין אַ בראַנדיק אַנטבלויזטער וועלט
האָבן זיי זיך אַנטקעגנגעשטעלט זיך אליין,
און זיך גובר געווען.
שוואַכקייט — שטאַרקייט,
שטארקייט — שוואַכקייט,
שטארק,
שטאַרקער,
נאָך שטאַרקער.
העלדן.
געטער.
הייליקע.
אַלערהייליקסטע.

געפרייזט!
געפרייזט!

* * *

א וואַלד האָט געפֿינסטערט און געשטומט אין דעם אָוונט פֿון יענעם טאָג...
פֿאַרכטזאַמע שטילקייט.
שטילקייט פֿון דעם האַרץ פֿון דער וועלט,
וואָס האָט זיך איינגעקאָרטשעט און אָפּגעשטעלט.
שטיל.
שטילקייט — שטילצײ,
פֿינסטערניש — פֿינסטערער.
פֿאַרכטזאַמקייט — פֿאַרכטזאַמער.
שטילע, פֿינסטערע פֿאַרכטזאַמקייט אין א שוואַרצן וואַלד
ערב דער מעשה פֿון די הונדערט.

*

וואָרצלען, שטאַמען, צווייגן, שטענגלעך, בלעטער,
קוסטעס, גראָזן, קרייטיכער, —
שטיל, שטיל.
האַלט איין דעם אָטעם.
הערט אויף וואַקסן.
הערט דעם נישט־פֿונדאַנענדיקן רויש,
פֿאַרנעמט דעם נאָך נישט געהערטן פּלאַטער
פֿון הונדערט הערצער.
ביימער. פֿינסטערע, הייליקע, גזהאַרטע ביימער,
גראָזן. נידעריקע, דערהויכטע, זכיהדיקע גראָזן,
זעט,
ווער עס ליגט צווישן אייך.
קריכט און פּויזעט איבער אייך.

פון יעדן ווינקל — אַ שטומער געשריי.
פון יעדן שאָטן — אַ פאַרגליווערטער ווײ.
פון איטלעכער זייט איינער פון די אַנטרונענע,
זיך פאַרלוירענע, זיך צוריקגעפונענע,
יעדער — מיט דעם זעלבן ליד,
מיט דער זעלבער פרייד
פון אַ באַפרייענדן באַשייד.
באַשייד !
באַשייד !
באַפרייונג.

ביימער, שטאַמען, צווייגן, בלעטער,
קוסטעס, גראָזן, קרייטיכער —
שטיל, שטיל.
די הונדערט זיינען צוזאַמען.
זיך צונויפגעפּויזעט,
זיך צונויפגעקראָכן.
פּלייצע אָן פּלייצע און אָטעם אָן אָטעם.
צער אָן צער און שאַנד אָן שאַנד,
און באַשייד.
איין באַשייד פון הונדערט.
ביימער, גראָזן —
הערט אויף וואַקסן,
הערט אויף זיין:

דער גוײַסטער באַשייד,
וואָס די ערד האָט געזען,
וואָס דער הימל האָט געהערט.

ביימער, גראָזן,
האָט איר געהערט וועגן הימל?
הויך איבער אייך,
העכער ווי דאָס בלוי, צו וועלכן איר ציט זיך,
ווייט איבער אייך,
ווייטער ווי די זון, צו וועלכער איר שטרעקט זיך,
איז דער הימל.
און נישט איינער, נאָר גאַנצע זיבן.
זיבן הימלען, ביימער און גראָזן,
אייך צו שיצן,
איר זאָלט נישט זיין אַליין.
און יעדער הימל דאָרט הויך איז אַ פּאַלאַץ,
יעדער פּאַלאַץ דאָרט ווייט — אַ קוואַל בלוי און ליכט און שיינקייט,
און יעדער פּאַלאַץ —
איינער שענער פון דעם אַנדערן,
איינער בלויער פון דעם אַנדערן,
און אין יעדן פּאַלאַץ אָן צאָל מלאכים.
מלאכים —
שענער פון די שענסטע מענער,

איידעלער פון די איידלסטע פרויען.
זייערע פּנימער — לויטערער פון די לויטערסטע פאַרלאַנגען.
זייערע לייבער — נישטדאָיקע געזאַנגען
און ווייסער ווי דער שוים פון דעם ים.
אַ בלאָער טרייסט-ברענענדער פלאַם — זייערע אויגן,
און זייערע קליידער — רייכער, צאַרטער ווי דער רעגנבויגן.
און יעדער מלאָך זינגט שטענדיק שירה,
דאָס געזאַנג,
וואָס איז דער קיום פון דער וועלט.
זינגט אַ מלאָך פריילעך,
ווערט אַ לעבן געבוירן,
זינגט אַ מלאך טרויעריק,
גייט אַ לעבן פאַרלוירן.
און זינגען זינגט יעדער מלאך
צו איינעם —
ער — דער טאַטע און מאַמע פון אַלע מלאכים,
דער אָנהייב און סוף
פון אַלץ, וואָס איז דאָ און נישטאָ.
און דער איינער איז אויף דעם העכסטן פלאַץ
אין דעם זיבעטן הימל.
דאָרט זיצט ער אויף אַ שטול פון לויטער לויטערקייט,
אונטער אַ פּאָרהאַנג פון ליכט שבליכט,
זיצט און הערט די שירה פון די מלאכים,
און זעט אַלץ און אַלע.

פון זיין קוק וואַקסט איר, ביימער און גראָזן,
פון זיין קוק שטאַרבט איר, ביימער און גראָזן.
און אַלע מוזן אים זינגען שירה,
און שטענדיק לויבן.
ווייל ער, וואָס זיצט דאָרט אויבן, אויבן,
איז גערעכט,
גרויס און מעכטיק און גערעכטיק.
און קיינער טאָר אים נישט זען.
אָבער שטיל,
הייליקע ביימער,
שטילער.
זכיהדיקע גראָזן.
א י ר זעט אים,
דעם גרויסן, מעכטיקן, גערעכטיקן,
נאָך-נישט-געזעענעם.

היינט האָט זיך זיין שטול צעשאָקלט,
און דער פאַרהאנג פון ליכט שבליכט,
וואָס האָט אים פאַרשטעלט פון זיין וועלט.
איז אין צווייען צעריסן געוואָרן.
ער איז אַראָפּ, דער גאָט, פון זיין הויכן פּלאַץ אין דעם זיבעטן הימל.
און מיט איין מאַך פון זיין גרויסער האַנט,
צונויפגענומען אַלע מלאכים דאָרט
און זיי אונטער זיין אָרעם פאַרשטעקט.

און פון זיבעטן הימל איז ער אַראָפּ אויף דעם זעקסטן,
און פון דעם זעקסטן אויף דעם פינפטן,
און פון דער פינפטן אויף דעם פערטן,
און פון דעם פערטן אויף דעם דריטן,
און פון דעם דריטן אויף דעם צווייטן,
און פון דעם צווייטן אויף דעם ערשטן.
און אין יעדן הימל האָט ער צונויפגעקליבן די מלאכים.
און ווען ער איז אַראָפּגעקומען,
האָט ער זיי אַלע אפּערגענומען פון אונטער זייַנע אָרעמס,
און זיי געהאַלטן אַ ווייל צווישן זייַנע צוויי פינגער,
אַ בלאָז געטאָן אויף זיי,
און אויף אייביק פאַרשטומט זייער שירה און זייערע לויבן צו אים.

נישטאָ מער קיין מלאכים.
נישטאָ מער דעם גאָטס אַרויסהעלפערס
און גרויסקייט־זינגערס.
דער גאָט איז אַליין.
אַן איינזאַמער גאָט בײַ דער שוועל פון זיין וועלט,
און ער גייט צום שוואַרצן וואַלד,
ווו עס שטייען די הונדערט,
נישט דערשראָקן, נישט פאַרוווּנדערט,
ווייל זיי האָבן אַ באַשייד,
וואָס איז גרעסער ווי דער גאָט.

שטיל, שטיל.

אוי, הייליקע ביימער!
אוי, זכיהדיקע גראָזן!

*
*　　　*

דאָס איז געווען דער נייער רויש
אין דעם שטומען פינסטערן וואַלד,
אין דער נאַכט פון יענעם טאָג.
דער גאָט איז געקומען צו די הונדערט,
פויזשענדיק און קריכנדיק —
ווי פריער די הונדערט —
מיט אַ פּאַמסענער שאַנד אין זיין געטלעך האַרץ,
מיט דער גרויקייט פון שרעק אויף זיין געטלעך פנים,
מיט דער הכנעה פון שוואַכקייט אין זיינע געטלעכע אויגן.
אָבער אָן דעם לייד, אָן דער פרייד פון באַשייד,
אָן דער פאַרגליוועטער רו פון די הונדערט.

און זיך אויסגעצויגן האָט דער גאָט פאַר זיי.
און געווענדט זיינע אויגן
צו זייערע,
און זיי אַלע געזען —
יעדן באַזונדער און אַלע צוזאַמען.
און געקלאַפּט האָט ער זיין אומגליקלעך פנים

אָן דער שוואַרצער ערד,
וואָס צו אים געהערט זי,
זי און די פּולקייט, וואָס אין איר.
און זיך נאָך מער אויסגעצויגן,
און זיך נאָך נידעריקער איינגעבויגן,
און געקושט זייערע פיס,
די פיס פון די הונדערט,
יעדן באַזונדער.

און דאָס איז געווען די זאָג פון דעם גאָט צו די הונדערט
אין דעם אַנטשטומטן וואַלד,
אין דער נאַכט פון יענעם טאָג:
„נישט קיין מחילה וויל איך בײַ אײַך בעטן.
נישטאָ און ס'זאָל מער נישט זײַן קיין מחילה.
איך וויל, אַז איר זאָלט מיך, אײַער גאָט, הײַנט מלקות שלאָגן,
און שפּײַען אויף מיר,
און מיך טרעטן מיט אײַערע פיס,
און מיר טאָן אַ טובה.
איך, גאָט צבאות,
בעט בײַ אײַך, די שאירות פון די שוואַכע,
אַ טובה.
לייזט מיך אויס פון דעם בונד מיט אייך.
לייזט מיך אויס פוז דעם בונד מיט די מענטשן.

פון דעם בונד מיט דער וועלט.
באַפרייט מיך.

שטילקייט — שטילער.

אין יענעם ערשטן טאָג האָב איך געמיינט:
מיין כוונה איז קלאָר, מיין כוונה איז גוט,
אָבער איצט האָב איך מורא פאַר יעדן נייעם טאָג,
און נאָך מער פאר דעם לעצטן.
האָב איך אַ וועלט באַשאַפן,
האָב איך מענטשן געפורעמט,
עס זאָל זיין ווער מיין גרויסקייט צו זען,
מיין מעכטיקייט צו פאַרשטיין.
בין איך געוואָרן דער האַר פון אַזאַ טאָג.
דער גאָט פון אַזאַ וועלט.
און איך האָב מורא.

שטילע שטילקייט — נאָך שטילער,
נאָך פינסטערער,
נאָך פאַרכטזאַמער.

באַפרייט מיך, איר איבערגעבליבענע,
פון דער אַחריות פון יעדן נייעם טאָג,
פון דעם חוב צו דעם לעצטן.
לייזט מיך אויס!"

אַ וואַלד האָט גערוישט
אין דער נאַכט פון יענעם טאָג
מיט אַ נאָך נישט געהערטן רויש.
דער גאָט איז געלעגן אויסגעצויגן פאַר די הונדערט
אין זיין גאַנצער לענג,
אין זיין גאַנצער ברייט,
אין זיין גאַנצער געטלעכקייט.
צו זייערע הערצער האָט ער געשיקט זיין חיי און געבעט,
זיין פאָרכטיקע יללה.
גאָט צבאות
האָט געבעטן זיי זאָלן אים אויסלייזן פון זיין טעות.
און די פאַרגליווערטע פינסטערניש
איז נאָך געדיכטער געוואָרן.
א האַרטער, שוואַרצער זייל.
און אין דעם זייל פאַרמויערט — די הונדערט.
זיי האָבן נישט געטרויערט.
זיי האָבן נישט באַדויערט.
זיי האָבן געהערט.
זיי האָבן פאַרנומען.
און געפונען רחמנות ביי זיך
צום אומגליקלעכן אויסגעצויגענעם.
זיי האָבן אים אָפּגעלאָזט
און אויסגעלייזט.
אויסגעלייזט דעם גאָט, היילקע ביימער.

באַפרייט דעם גאָט, זכיהדיקע גראָזן.
צוריק אַריין אין דעם תוהו פון דעם ערשטן טאָג
האָבן זיי אים אָפּגעלאָזן.

אַוועקגעשלייכט האָט דער איינזאַמער גאָט אויף זיין בויך,
אונטער דעם שיין פון צווייהונדערט אויגן,
און נישט געוואָרן.
די הונדערט זיינען אַליין געבליבן.

שטיל.
שטיל.

* * *

שווער און שווערער.
קיינמאָל נישט קלערער.
קיינמאָל נישט מערער,
— מערער —
שכל, זין.
ענג און ענגער.
וואָס נאָך לענגער?
אַלעמאָל שטרענגער,
שטרענגער,
דער גזר־דין.

* * *

און הפקר איז שוין געווען די וועלט
מיט דער הפקרדיקייט פון דעם ערשטן טאָג.
פון דעם ערשטן?
נאָך פאַר דעם ערשטן,
נאָך פאַר דעם ערשטן,
ווען דער, וואָס האָט געמיינט, אַז זיין כוונה איז קלאָר און גוט,
האָט נישט געטראַכט פון די טעג, וואָס ער מאַכט,
נישט געציילט יעדן טאָג באַזונדער.
נישט גערעכנט די טעג ביז דעם לעצטן,
נישט געזען דעם טאָג,
וואָס האָט געבוירן די מעשה פון די הונדערט.
און דערזען צו שפּעט.

צו שפּעט.
צו שפּעט.
„לאָזט מיך אָפּ.
לייזט מיך אויס".
גאָאָאָרנישטאָ.

* * *

און דאָס איז געווען די מעשה פון די הונדערט.
ווען די זון איז אַרויס אויפן הימל,
ווי אין אַלע געוויינלעכע טעג,
זיינען זיי אַרויס פון וואַלד,

זיי זיינען געגאַנגען אין צווייען —
הייליקע, זעליקע רייען.
זיי זיינען געגאַנגען צו דער געשאָכטענער שטאָט.

האָ — האָ — האָ!
די שטאַרקע זיינען אַרויס.
האו — האו — האו!
די שטאַרקע האָבן דערשפּירט די שוואַכע
און זייערע אויגן האָבן אויפגעגלוסט מיט אַ גרויסער גלוסטונג.
גרינע הייסע אויגן.
אָפּגעהאַקטע אָטעמס.
צינגער וואַסערן זיך אין די מיילער.
שוואַכינקע, שוואַכינקע —
כאַפּ!
זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט די שטאַרקע,
אַז עס איז אַן אַנדער טאָג.
תוהו.
נישטאָ שוין דער סדר פון דער וועלט.
אַן אַנדער סדר.
אָן אַ סדר.
די שוואַכע זיינען שוין נישט שוואַך.
זיי האָבן, נעבעך, נישט געוווּסט,
נאָך נישט געוווּסט,
אַז די שוואַכע זיינען געוואָרן שטאַרק.

ריזן.

איין גרויסער, מעכטיקער, פאַרכטזאַמער גבור.

זיי האָבן נישט געאַנט. אָבער פּלוצלינג האָט אַ טעמפּער גליווער פאַרקלעמט זייערע הערצער.

און אַראָפּגעפאַלן זיינען די פאַרמאָסטענע הענט,

און פאַרביסן האָבן זיך די צעשאַרפטע ציין,

און די גרינע אויגן,

די הייסע אויגן,

די שטאַר־ווערנדע אויגן,

האָבן זיך צעבלאָנדזשעט

איבער אַלע פיר עקן,

און אַרויף צום הימל.

געזוכט דאָרט דעם גאָט,

דעם סדר־העולם געמאָנט.

געמאָנט — און באַלד געאָנט,

באַלד געאָנט — און שוין דערפילט.

שוין דערפילט — און אַנטשטילט.

אימה. אימה.

קאַלטער, האַלז־קלעמענדער שרעק.

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

שטילע, וואָיענדע קלאָג.

הויכע, רעוועגדע קלאָג.

שרעק! שרעק! שרעק!
נישט פאַרשטיין,
יאָ פאַרשטיין.

שרעק, שרעק, שרעק.

און די הונדערט זיינען געגאַנגען ווייטער.

און ווען די מחנות פון די שטאַרקע,
מענער,
ווייבער,
קינדער,
אַלטע,
יונגע
האָבן דעם מאַרק־פּלאַץ שוואַרץ געמאַכט מיט זייער פּאָרכט,
איז עס געשען.
די מעשה פון די הונדערט,
די מעשה פון די הונדערט.

אָ, געליבטע,
אָ, געגאַרטע,
אָ, הייליקע,
געפּרייזט!
געפּרייזט!

צי זיי האָבן זיך אַלע צוזאַמען פון אַ הויכן טורעם אַראָפּגעוואָרפן,
צי זיי האָבן זיך אַלע אינאיינעם אין וואַסער דערטרונקען,
צי זיי האָבן זיך אונטערגעצונדן
און אַרויפגעשטיגן אין אַ געל־רויטן פלאַם צום הימל,
וואָס איז שוין קיין הימל נישט געווען;
אָדער אפשר האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן דערוואָרגן
(פעסטע הענט אויף ווייכע העלזער,
ליבענדע הענט אויף הייליקע העלזער),
אָדער איינער דעם צווייטן דאָס לעבעדיקע האַרץ אַרויסגעריסן,
(רויטע הערצער און קראַמפּנדע פינגער,
געטלעכע הערצער און צערטלעכע פינגער) —
דאָס דערציילט נישט די מעשה פון די הונדערט,
דאָס דאַרף קיינער נישט וויסן וועגן די הונדערט.
עס איז געשען.

*

אַ בייזער שטראָם איז אָנגעשוואָלן,
די כוואַליעס ברויזן, גרויזאַם ראָלן:
דערנערונג! דערנערונג!
אַ ווילדער טייך איז אָנגעפלאָסן
און כעס און דראָונג הייס געגאָסן:
פאַרצערונג! פאַרצערונג!
און פלוצלינג מיט אַמאָל, אַ גרויסע האַנט
האָט אויפגעשטעלט אַ פעסטע וואַנט:

פאַרשטאָפּ! פאַרשטאָפּ!
די כוואַליעס יאָמערן מיט געבריל,
פאַרצאמט זייער גלוסט, פאַרצאמט זייער ציל,
האַלט אָפּ! האַלט אָפּ!

אַזוי האָט די מחנה פון די שטאַרקע
זיך צעברומט און צעקרעכצט,
ווען זי האָט געזען די מעשה פון די הונדערט.
געבליבן שטיין.
געבליבן שטיל.
וואָס?
וואָאָאָס?
ס'איז אַ שאַקאַל ווילד אָנגעפלויגן
מיט רויטע דאָרשטנדיקע אויגן:
דערקוויקונג! דערקוויקונג!
און ס'ווייסלען זיך די שאַרפע ציינער
און גלוסטן בלוט און פלייש און ביינער!
דערשטיקונג! דערשטיקונג!
און פלוצלינג, מיט אַמאָל, אַ האַנט אַ ריז
האָט אין דעם אויג געשטעקט אַ שפּיז:
בלייב שטיין! בלייב שטיין!
עס וואָיעט גרימיק דער שאַקאַל
און וואָיעט אויס זיין גאַנצע גאַל.
געוויין! געוויין!

אַזוי האָט די מחנה פון די שטאַרקע
זיך צעוואָיעט און צעוויינט.

געוואָיעט מיט קאַלטן פחד
און געוויינט מיט הייסן וואַנזין.

זיי פאַלן צו איינער צום צווייטן
און רייסן און בייסן איינער דעם צווייטן.

ווייבער וואַרפן זייערע קינדער אויפן שטיין,
ווייבער קוילען זיך אַליין.

מענער קלאַפן זיך אין די האָריקע ברוסטן,
הויבן די שווערע הענט
צו די הימלען אַרויף.
גאָאָאָרנישטאָ.
גאָאָאָרנישט.

*

גרויסער צער און גרויסע פרייד.
ווייסער ליכטיקער באַשייד.
אַ געוועזענע וועלט.
אויסגעצויגענער, יאָמערנדער גאָט.
אויסגעלייזטער גאָט.
אָפּגעגאַרטע, משוגענע,

ווייַנענדע, לאַכנדע, זיך אַליין קוילענדע שטאַרקע.
גערוען אַ וועלט.
נישטאָ קיין וועלט.
גרויסע פרייד.
ריין־מאַכנדער באַשייד.

*

*   *

און עס איז געווען נאָך אַ נאַכט,
די נאַכט, וואָס האָט שוין אין איר טראַכט קיין טאָג נישט געטראָגן.
שטאַרקע, שוואַכע —
בלויז געווען אַמאָל, אַמאָל.
די שוואַכע האָבן זיך אַליין אויסגעלייזט,
זיך און דעם אומגליקלעכן גאָט.
און די שטאַרקע האָבן מיט זייערע אויגן
געזען די מעשה פון די הונדערט,
און דערפאַר איז זייער לעבן
אויך פון דער איינגעווייד פון דער צייט
אַרויסגעריסן געוואָרן.

תוהו.
נאָך פאַר דעם תוהו.
און אין דער פוסטקייט פון דער פוסטקייט איז בלויז פוסט געווען.
די ערד אָן דעם דאַך פון די זיבן הימלען,
האָט זיך צעקרישלט.

און יעדער שטיק
איז אין חושך געווען איינגעוויקלט,
און אין חושך געשווומען.
און אין דעם שטומען גאָרנישט
האָבן זיך נאָך אַ צייט געווימלט מאָדנע פאַרוואָרלאָזטע נפשות.
די איבערגעבליבענע.

יאָ.
און די פארוואָרלאָזטע נפשות
יאָגן איינער דעם צווייטן,
יאָגן זיך אויפצועסן.
יאָגן זיך אויפצועסן,
שטילן דעם הונגער, נעבעך.
אָבער עס באַקומט זיי נישט דער ביסן.
עס באַקומען זיי נישט זייערע שעהן,
וואָס זענען אויסגערעכנטע,
און הענגען אין דעם שטומען חושך
אויף אַ פאָדים,
דינער ווי שפינוועבס.

יאָ.
און זיי יאָגן זיך איינער דעם צווייטן.
און זיי עסן זיך.
און עס בלייבן הונדערט.

און עס בלייבן צען.
און עס בלייבן פינף.
און עס בלייבן דריי.
און שוין נישט מער ווי צוויי,
צוויי בלויז.

אויף א קרישל ערד
צוויי בלויז.
אין אַ ים אימה
צוויי בלויז.
פון אַלע איבערגעבליבענע
צוויי בלויז.
פונם מענטשן-מין
צוויי בלויז.

און די צוויי יאָגן זיך אויך.
יאָגן זיך אויפצועסן,
שטילן דעם הונגער נעבעך.
און איינער היט דעם צווייטן,
און קיינער ווייס נישט ווער וועמען וועט אויפעסן.

יאָ.
זענען געבליבן בלויז צוויי.

בלויז צוויי —
און איך,
וואָס בין דאָ,
דאָס אַלעס צו דערציילן.

*
*

דאָס איז דער סוף פון דער מעשה פון די הונדערט.
דער סוף,
וואָס איז ערשט אַן אָנהייב.

אונטערגאַנג

איך גיי אונטער.
קומען מיר אנטקעגן פון אלע וועגן ליכטער און פארבן,
בלענדן און פינטלען,
מינען און שווינדלען,
און פרעגן אויף אלע וועגן:
ווילסט אונז פארלאָזן?

קומט רויט אין ווארעמע טראָפּנס
און וויקלט זיך אין צונטערנע קרעלן ארום מיין האלז,
און ווארעמט און לאָקט מיך און רייצט.

קומט בלוי און פלעכט זיך אין דופטיקע קרויזן,
און שפינט זיך אין זעלטענע אוזאָרן,
און הילט מיך אין א שלייער,
און פארנעפּלט מיין בליק.

קומט גאָלד און שטראַלט זיך אין אָרעאָלן,
און קרייזט אַרום דעם קאָפּ מיר,
און גלעט מיך,
און וויל מיך פאַרנאַרן.

קומט וויאָלעט מיט לייכטע פיס,
און טאַנצט פאַר מיר,
און בויגט זיך און שלאַנגט זיך —
אָט ווייט, אָט נאָנט —
און קוקט מיט בענקשאַפט אין די אויגן'

ווילסט פאַרלאָזן?
ווילסט פאַרלאָזן?

איך בין מיד פון די ליכטער און פאַרבן.
דער וועג פון שטאַרבן זאָל זיין טונקל און שמאָל.
אַ לאַנגער גראָט. אַן ענגער טאָל.
איך און מיין איך,
איינזאַם און צווייזאַם,
וועל אויף אים גיין.
עס נענט דער טאָג פון אַלע טעג —
איך און מיין איך
אויף טונקעלן וועג.

דער אויטאָר איז אַן אָנהענגער פֿון דער נייסטער אָרטאָגראַפֿיע (העברעיִשע ווערטער מיט יידישער אויסלייגעכץ). דאָס בוך אָבער, ווי אַלע אויסגאַבן פֿון פֿאַרלאַג קולטור־ליגע, איז געזעצט מיט דער אָנגענומענער אין פּוילן אָרטאָגראַפֿיע.